STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06531

PREYRI-LAND

H. Goldovsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. גאלדאווסקי

פּריירי-לאַנד

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפֿאָרניע
1927

Copyrighted 1927
by
H. GOLDOVSKY

Pacific Co-Operative Press 259 Winston St., Los Angeles

בתיהן און בנציונקען

ווִיפיל ס'זאָל אין האַרץ ניט שאַלן,
טייטלענדיק אויף איינגן לעבנס מינוסן און ווייטע וועגנס פּליוסן,
בלייבט איר פּאָרט אין אַקס פון מיינע אייביקע ספּיראַלן
מיינע פּאַליוסן.

לייכטע טריט

מיינע לייכטע טריט אין האפערדיקן טאַנץ אויף שפּיצן בערג.
ס׳וועט עמיצער באַגעגענען מיך אויבן,
אויפדעקן פאַר מיר די נאָטן פון פאַרהוילטע ווערק
און לערנען מיך די ניטגעזונגענע געזאַנג און לויבן.

מיט מיין שטעקן וואַנדער איך אויף ניט קיין אויסגעלייגטן וועג
אין זומפּיקן אַליאַם צעווישן אייער —
אפשר וועל איך די לעגענדע הויז אין ווילדן העק
געפינען נאָכן שיין פון ווייטן ליכט און פייער.

בא די שפּילנדיקע ווינטן־פייפלאַך אינם ברייטן פעלד
דערפרעג איך זיך, צי הערען זיי ניט קומען
וויסטע אויסלייזער קבצנים אויף די אויסגעדאַרטע פערד,
באַוואָפנטע צום לעצטן שלאַכט מיט מם־טית שערי טומאה.

איאָווא

אייאָווא־מאָטיוון

א

דער פּליין האָט זיך געקייקלט בארג ארויף, בארג אראָפּ,
ווי א איינגל א שטיפער אריבערן גראָז, געבאָדן אין זון
און האָט געצויגן מיך צו זיך מיט זיין שפּילעוודיקער גרינקייט
נאָר איך — פארשאָלטענער שטאָט־מענטש — פאר זעמען
חוץ לעיר איז ווילד און הפקר —
בין געלעגן צעווישן די שטיינערנע ווענט
און מקנא געווען דער רחבות,
וואָס האָט זיך געקושט מיטן הימל.

ב.

קוקט די שטאָט, דער אלטער בעלתאוהניק,
מיט בלוטפארגאָסענע אויגן אויף דער צניעותדיקער פּערמע.
טאָג און נאכט אָן אויפהער בלאָזט ער איינגעחזערטע
ליבע רייד צו איר
און כשופט זי מיט אויסערלאכן גלאַנץ.
איינציקווייס פארלאָזן זי די יונגע כוחות,
ביז זי פאלט אין אָנמאכט אין די ברייטע אָרעמס
פון דעם אלטן הפקר־יונג,
וועלכער לאָזט זי חשכדיק־פאריתומט שטיין
אינמיטן ברייטן פּליין,
אלס לעבעדיקן עדות פון זיינע שווערע זינד.

ג.

באַ דער מצורע־וואַנט פון זינד
האָט ער זיך צוגעזעצט, דער אַלטער איד.
אויפגעבונדן זיינע וואונדן, זיך גענומען בעטלען
באַ די מצורעים. פון רחמנות וועגן האָבן זיי
אים אויפגעשטעלט אַן אהל־שוץ פון זון און רעגן. —
האָט ער דאָס אויסגעבעטלטע צעליגט אויף פּאַליצעס,
ארויסגעשטעלט אַ שילד אַ גרויסע באַ דער טיר.
זיינען שכנים אָנגעקומען און פאַרקוקט זיך:
— אוי מציאות, טאַקע ניט צו קריגן! —
און מיט זייער חשק האָט דער אַלטער איד פאַרנומען
זייערע פאַרהאַוועטסטע גאַסן,
וועלכע רייסן זיי די אויגן איצט מיט שרייענדיקן גלאַנץ.

ד.

פאַרנאַכט איז דער נעפּל אַראָפּ אויף די ברעגן
פון זאַמדיקן מיזורי,
און אין נעפּל איז געשטאַנען אַ מחנה בראָנזענע פיגורן
מיט רויטע פעדערן אין האָר און מיט מעכטיקער גבורה
אין אויגן געראַוויכערט די הייליקע ליולקע. די שפּורן
פון בלויאַכן רויך האָבן ביז דער מלוכה פון הייליקע רוחות
דערגרייכט. און אין שיין פון אַ בלאַסלאַכער, פולער לבנה
האָט געדרייט זיך אין טאַנץ, ווי אַ קנויל יצירה־זאַוואַרוכעס
די גאַנצע מחנה, אַזש געציטערט האָט די ערד.
אינדערפרי איז געשטאַנען אַן אָרימער פערד
געשפּאַנט אין אַ וואָגן פון שמוץ, געטריבן
פון עפּעס אַ בלייכלאַכן טרייבער.
איבער זיי האָט דער רויך פון פאַבריקן געקליבן
אין וואָלקנס זיך, און עפּעס אַ שרייבער
איז געזעסן אביסעלע העכער אַרום אויף אַ בערגל; געשריבן
זיין ליד פון פרימאָרגן דעם שמוציקן טייך — אַ מתנה.

ה.

פארנאכט האָט דער הימל מיט
מיליאסן בלישטשענדיקע אויגעלאַך,
גלענצנדיק מיט תאווה, מיט באַגער
ארומגענומען דעם גרינעם,
פון אויפרעגונג־ציטריקן פליין.
צווישן זאנגען האָט געשושקעט און געזשומעט
קוש נאָך קוש פון אומזעבארע באַשעפנישן.
אין פורפל־צעבליטן מערב האָבן
צוויי הענט געררופן און געמאָנט.
האָט אויפגערעגטער פליין געוואָרפן
פייער־פליגלדיקע פונקען זיי אנטקעגן.

ו.

ווי א פולבלוטיקער יונגער פערד
געאטעמט האָט דער פליין.
ווי א פולבלוטיקער יונגער ברוינער פערד אין נאכט,
וואָס גייט פון ביינקשאפט אוים נאָך זיין קאָבילע.
פון זיין אָטעם האָט געשמעקט מיט פרישער ערד און גראָזן,
וועלכע האָבן זיך אין קלייניגקע אטאמען פילע
מיט מיין רויטן בלוט באהעפט אין נאכט.
א טיפער תאווה־שטראָם האָט מיר א ניי געפיל געבראַכט
איך האָב זיך אויף דער ערד אראָפּגעלאָזן
און דערפילט אין זיך דעם רוף פון פליין.

ז.

א המון נאכט־שדים באשמירט האָט גרינע
הויט פון פליין מיט שווארצער סמאָלע,
באשטעקט זיין לייב מיט ווייסע פעדערן לבנה־שטראלן
און געלאָזט אים לויפן אינם טונקל בלויען ווייט.
איך יאָג זיך נאָך נאָך אים,
איך מוז דאָך אים דעריאָגן :
איך טראָג פאר אים א טיפן טרייסט־וואָרט
פאר זיין בושה, צער און וויי.
דערווייַלע זינג איך מיר צום טאקט פון אויטאָ־רעדער
שטילע לידער פון מיין ווייטן שטעטל,
און מיין הארץ צעגייט פון בייַנקשאפט
נאָך די שוין לאנג־פארשוואונדענע חלומות.

ח.

נאָך פון פריען פרימאָרגן
האָט הימל געברענט זיך
אין פלאמען פארצערנדע לאוועס.
געביטן זיך פונקט נאָכן גראד פון זיין אויפרעגונג :
פון קארבונקל אין בלוי און פון בלוי אין צעגליטקייט,
ביז א שווארצער טשוגון איז געקומען
פארשלונגען זיין פייער אין זיך.
איז אלץ נידריקער נעענטער הימל געשוואומען
צו פריירי געליבטער, וואָס איז אים אנטקעגן
געלעגן א כלה, א בלומען און גראָזן פארפוצטע
לכבוד איר חופה, געוואַרט אויף איר חתן.
האָט מיט טשוגון פארדעקטער תאוה־פלאם פון הימל
גענומען ווארפן זיך אן אויפגערעגטער
מיט ווילדן ברומען און מיט פליגלדיקע פייער־פאסן.

געצויגן האָט צו אים די פּריירי
איר גרויסן ברייטן אויסגעצירטן גוף
א מידע, א פאַרחלשטע, א לעכצנדיקע.
האָט הימל זי פון אַלע עקן ארומגעכאַפּט
און אין תאווה־אויסברוך זיך צו איר אַראָפּגעלאָזט
צו באַפּרוכפּערן, פאַרמערן איר די גאָלדן־גרינע שיינקייט.

ט.

דער ביק האָט זיך צערעוועט אויפן גרינעם פעלד.
עס האָט די זון פון מאַי געריייצט אים נאָך פון אינדערפרי,
איז האָט זיך אים פאַרוועלט
אויסגיסן זיין פרייד אין וועלט.
אנטקעגן ברייטן בלויען הימל איז זיין ברוינער גוף
געשפּרונגען שפּרונג־שפּראַנג
אין ווילדן רעווע־טענער־טאַנץ.
און חלל־כוואַליעס זיינען פול געוואָרן מיטן רעווע־קלאַנג,
און אָנגעפילט די פאַרמער־הערצער מיט געזאַנג.

י.

צוגעדעקט איז פּריירי מיט א ווייסער שטילקייט,
פּערלט זיך אין גינגאָלד קעגן זון.
צוגעפאַלן צום געליבטן שניי, אין קילקייט
אָפּזוכן פון שווערער זומער־מי א רו.

וואַרימט שניי מיט איינגעהילטע זונען
קושט די פּריירי, פאַרמער־הייזער, שטאָגן היי.
אימעצער געזוכט האָט וועגן, ניט געפונען,
און געלאָזן טיפע טריט אין שניי.

שפּרייט זיך אומעט פון צעזייטע הייזער;
מוקעט נאָך א קו מיט הונגעריק געוויין ;
האַווקען הינט... אז אָרים איז דער שפּייזער
רייסן זיי דעם שניי־דעק, זוכנדיק א ביין.

יא.

דזשעני די פארמערן גרייט זיך גיין אין מארק.
זיינען דען קאָלירן בונטע סטיינגעלאך איר קארג ?
בינדט זי אָן די סטיינגעלאך ארום איר האלדז און קארק.
דזשעני די פארמערן גרייט זיך גיין אין מארק.

דזשעני די פארמערן גייט אין פעלד און זינגט.
צווישען בונטע בלומען־בייטן שיין איר שטימע קלינגט.
זון־באַזעלטע זאנגען ווינקען פונקט ווי דזשימי ווינקט.
דזשעני די פארמערן גייט אין פעלד און זינגט.

דזשעני האָט איר שטילן וויי, דזשעני האָט איר סוד :
דזשימי האָט קיין ארבעט מער. נו, קלייבט ער זיך אין שטאָט.
דערווייַלע לויפן מיילען זון אין פרילינג־קאראהאָד
און ציען מיט זיך דזשענים וויי און דזשענים שטילן סוד.

יב.

א צעאקערט שטיק פריירי
מיט צעפאטלטע האָר פון קאָפּ און באָרד,
ווי א וואלד ביים זייט.
אויסגעפוצט בלית־ברירה :
פאָרט
יוצא זיין אקעגן כיטרע שטאָט־לייט.
גייט פון קראָם צו קראָם אין ברייטן מיץ
איינקויפן פאר אלע נייטן.
אויסגעשטעלט צום שמייכל און צום וויץ
פון קרעמער, וועלכער אקערט ניט
און זייט ניט,
און שניידט פונם גרייטן.

יג.

לאטע אויף לאטע,
צעריסן דאָס קלייד,
היטל — שטיק וואטע
אין לאקאנעס — קוויט.

זומער פון פעלדער
פארשוואונדן שוין לאנג.
שניט־צייטן געלדער
פארשוועגדט אויף געטראנק.

קומען מעג ווינטער
מיט שטורים, מיט שניי.
קאלט? באלד „פארדינט ער"
שלעפט אים פּאָליציי.

זיצט ער אין תפיסה
און פילט ניט די קעלט
ביז עס קומט ניסן —
און ווידער אין פעלד.

יד.

ווי א סטייע בייזע גאס־הינט
אין וואָגן פון א פיינגער,
רייסט דער אָסיען־ווינט
דעם אנצוג פונם היינגער
און שמייסט אין פנים פונם קרעמער,
וועלכער שטייט פארביינקט נאָך אלטע טרוימען,
ווען ער האָט זיין בוך און פען נאָך ניט פארביטן
אויף די קלאָגיקע פראָפיטן
פון די אלטע זאכן.
אין די הויכע ווייטע גרויע רוימען
האָבן זיך געעפנט א גיגאנטישע פאָר עמער.
גיסן זיך ארונטער מיט אלאכן־קראכן
און פארלאכן
אלטע זאכן,
אלטע טרוימען.

יח.

פארוואָרפן אינם פּליין, האָב איך זיין בויך צעריסן
מיט נעגל אייזערנע און זיינע האָר צעשאָרן.
האָב איך א הויז פון ברעטער זיך צענויפגעקלאפּט,
א ווייב פון שטאָט גענומען — אויסצולעבן יאָרן.
איך בין פון אייאָווא,
וואו ס'וואקסט דער הויכער קאָרן.

עס האָט דער פּליין געאירט מיט רויע זאפטן,
ניט אויסגענוצטע כוחות שוין מכמה יאָרן;
האָב איך אויף אים מיין פערד און קאלב געפּאשעט;
זיי זיינען פעט און גרייט צום מארק געוואָרן.
איך בין פון אייאָווא,
וואו ס'וואקסט דער הויכער קאָרן.

דאן איז פון מזרח־זייט א גאסט צו מיר געקומען.
מיט זעקלאך גאָלד איז ער צו מיר אין הויף פארפאָרן.
געשמייכלט . . . הויפנס פולע גאָלד צו מיר געשטרעקט:
„נעם, ברודער־לעב, עס וועט מיר אָפּגעבן דיין קאָרן.“
איך בין פון אייאָווא,
וואו ס'וואקסט דער הויכער קאָרן.

נו, איצט ווי זעסט די פּיפּקע אין מיין מויל,
איז מיטן רויך האָב איך מיין האָב און גוטס פארלאָרן.
דער מזרח־גאסט האָט שוין זיין געלט אין דרייען אָפּגענומען
דאָך איך אליין בין איצט א קנעכט בא אים געוואָרן.
איך בין פון אייאָווא,
וואו ס'וואקסט דער הויכער קאָרן.

עס האָט זיך פאַרלאָפן אַ מעשה . . .

א.

עס האָט זיך פאַרלאָפן אַ מעשה
אין פּריירי אין סאַמע דער מיט.
געקומען פון ערגעץ פון רייסן
אַהער איז אַן אָרימער איד.

איז וואָס קען אין פרעמדער מדינה
אַ אידל אַ פינצטערער טאָן ?
פאַרוואַרפט ער אויף פּלייצעס אויף דינגע
זיין פּעקל און לאָזט זיך אין שפּאַן.

ער שפּאַנט איבער בערג איבער טאָלן
מיט שטילע מיט ציטריקע טריט,
ביז ס'ווערן די פיס אים געשוואָלן,
ביז מערב מיט זון זיך צעגליט.

ווינקט צו אים אַ פאַרם פון ווייטן,
צעקלאָגט זיך זיין האַרץ אין דער שטיל.
זכרונות פון וויט־ווייטע צייטן
צעדאַוונען זיך פרום מיט געפיל.

דערווייל קלאַפּט האַנט אָן טירן.
קומט זעקספּוסיק מענטש קעגן איד.
קוקט איד מיט אַ בליק, וואָס קען רירן
אַ שטיין, אָבער פאַרמער זאָגט: ניט.

מאָלט אידל מיט הענט: ביז פרימאָרגן.
ער קען דאָך אין פּריירי ניט זיין.
שטופּט פאַרמער דאָס אידל דורך גאָרטן
אין נאַכטיקער פּריירי אַריין.

לאָזט איד זיך . . . „ער“ וועט ניט פאַרלאָזן.
בלייבט איבער מיט נאַכט און מיט פעלד.
און פלאַמען פון כעס צעלאָזן
זיך שילטן דאָס לעבן, די וועלט.

ב.

געגרינט און געגעלט האָט די פּריירי
און זומער האָט ווינטער געיאָגט.
געבליבן איז נאָר די „עברה“,
ביים פאַרמער געגעכטיקט, געטאָגט.

איין קינד איז אין „פּלו“ אומגעקומען,
א טאָכטער פאַרנארט האָט די שטאָט,
א זון האָט די שלאַכט צוגענומען,
און ער איז געבליבן באַנקראָט.

דער איד איז געוואַקסן, צעבליט זיך,
ער האָט זיך מיט ניי־ערד באַהעפט.
דערמאָנט ניט ס'אַמאָליקע — היט זיך!
ער האָט איצט א גרויסן געשעפט;

ער איז דער בעל־דעה פון שטעטל:
אין שול, תלמוד־תורה, וואו ניט?
אין לעבנגעשיכטע איין בלעטל
פאַרגעסן — פאַרגעסט זיך אים ניט:

דער פאַרמער, דער פּאַק און די פּריירי,
די נאַכט און דער וואָי פון קאַיאָט,
דער ציטער, דער פחד, די מורא.
ער וועט נאָך באַצאָלן — בא גאָט!

ג.

עס איז דאָ פּאַפּיר אין גאַזעטן,
גאַזעטן אין יעטווידער שטאָט ;
און איינמאָל דאָס אידל דערזעט אין
גאַזעט, ס'אי' דער פאַרמער באַנקראָט.

איז קויפט ער אויס אַלע פּאַפּירן
און צאָלט פרעמדע חובות אַרויס.
מע ברייננגט אים דעם פאַרמער צופירן,
שיינקט איד אים דאָס פעלד און דאָס הויז.

געפּלעפּט איז דער פאַרמער געבליבן.
האָט גאָרניט געקענט דאָ פאַרשטיין.
א דאַנק נאָר געזאָגט צווישן ליפּן
און בעסדיק געקריצט מיט די ציין.

ד.

מיט פאָנען באַפּוצט איז די „מיין סטריט“,
מיט פאָנען פון גאווה און האַס.
נאָר אידישע קראָמען קיין איינס ניט
קוקט מונטער און פריילאך אין גאַס.

עס שפּיצן זיך אידישע אויגן
אין „הייליקע שמאַטעס“, אין פענער.
א מורא אַן אַלטע פאַרפלויגן
אהער — א פּאַראַד פון די „קלענער“.

עס וואַכן אויף שרעקלאַכע בילדער :
פון קישעניעוו, האָמליע, אוקריינע,
נאָר דאָ ? — אינדיאַנער בלוט — ווילדער
און אויגן נאָך פּירכטלאַכער שיינען.

באַלד ווייזן זיך מאַסקעס אין קיטלאַך,
תכריכים מיט שטראַלן זיך מינען.
מען טראָגט פּאָן און צלם געמיטלאַך
מיט קינדישער וויכטיקייט־מינע.

באַם גרעסטן געשעפט, באַ דעם אידלס,
וואָס הויכט זיך אין צענטער פון גאַס
בלייבט שטיין דער פּאַראַד, און אַ קיטל
צעשאָקלט זיך, רעדט מיט אַ האַסט :

„צעזעצט זיך, צעלייגט אין עשירות,
און מיר — רייס די פּריירי פּאַר זיי !
העי, אידן, באַצאָלן וועט איר עס ;
קיין האָן וועט ניט געבן קיין קריי !“

פון פענצטער פון אָפּים דאָס אידל
געקוקט האָט אַרונטער אין גאַס,
דערקענט האָט ער זעקספּוסיק קיטל,
וואָס רעדט מיט אַ ברעניקן האַס.

האָט אידל דערפילט, ווי מע רייסט אים
די וואָרצלען פון ניי־ערד אַרויס,
דערזען ווי אַ וואַנדער־שטאָק ווייזט אים
אַ חלל צעצויגן און גרויס.

צווישן קאָרן־פּעלדער

א.

געשלעפּט האָט זיך אַן אויסגעמוטשעט פערדל איבער פּליינען,
געשפּאַנט אין וואָגן אַלטע זאַכן און געוואַנטן,
געטריבן פון אַ אידל, וועלכער האָט מיט אַ פאַרשטיקטן וויינען
אָפּגעפּראַוועט גלות אין די אומבאַקאַנטע קאַנטן.

און אַלולדיקע זון האָט נאָך געוואַרימט מידע פעלדער,
וואו צייטיקע באַבערדטע „קאָרן"־שטעקנס שטייען
און איבער זיי אַ גרויער צער־גייסט אַ פאַרשטעלטער,
דאָס אידל, האָט געברומט פאַרשטיקטע וויי־געשרייען.

עס איז געווען אַ נאָגנדיקער בייַנקען אינם יום־נוראימדיגן ניגון
נאָך ווייב און קינד אין ווייטן לאַנד, נאָך יונגע יאָרן,
אַ קלאָג נאָכסמאָל ס׳איז אים באַשערט זיך אויפן וואָגן וויגן
טאָג און נאַכט אַזוי אין פרעמדן לאַנד צעווישן פעלדער „קאָרן".

ב.

געשטאָרבן איז שוין לאַנג דאָס פערד דאָס אַלטע
צעפוילט שוין און פאַרברענט דער וואָגן,
און אין דער אַלולדיקער לופט שוין עטוואָס קאַלטער
טראָגט מער זיך ניט דעם אידלס בייַנקשאַפט־קלאָגן.

עס ליגן שוין געוואַנטן אין דעם שטעטלס קראָמען
אויסגעפּוצט און אויסגעלייגט אין בעסטן אופן,
און איבער טירן שרייַט אַ שילד עלעקטריש אויס זיין נאָמען
און לאַדט פאַרבייגייער אַריינקומען און קויפן.

עס טראָגן זיך אין גאס אָטאָמאָבילן,
אין וועלכע איצט דעם אידלס זיך און טעכטער פאָרן ;
דורך פענצטער אָפענע די גראמאפאָנען שפּילן
דאָס העכסט־מאָדערנע גאס־ליד פון די לעצטע יאָרן.

נאָר ווען משפחות קומען זיך צוזאמען,
צוזעצן זיך בא גרינע טישלאך קאָרטן שפּילן —
זינגט אויס דאָס אינגסטע קינד „ א בריוועלע דער מאמען"
און גיסט אין „אלי אלי" אויס די אידישע געפילן.

ג.

דאָס אידל האָט געלאָזן נאָר אַן אויסגעפלעקטן תיקון־שבועות,
און זיין אידענע פון טרערן אירע א פארגעלטן קרבן מנחה.
די ספרים האָבן קינדער אויפן בוידים ווייט אוועקגעלייגט,
געדונגען אין דער „דזשואיש טשוירטש"" א שמש קדיש זאָגן,
און צום יאָרצייט אויפן קבר א מצבה אויפגעשטעלט.
פארקויפט דאָס אלטע הויז, וואָס איז אין אידן־גאס געשטאנען,
פארקליבן זיך העט־ווייט פון איר צעווישן רייכע גוים,
און דאָרט געגלאנצט מיט פוסטער עלעגאנץ פון שפּראך און קלייד
צעווישן די, וואָס האָבן תחילת ניט פארשטאנען,
ביז אידיש נאָז און טרויריק שווארצע אויגן
ניט אויסגעהאלטן האָבן און דערציילט דעם סוד פאר אלעמען . . .
דאן האָט עס שכן מעק געלאָזן אויסבויען
דעם שיין אויסגעהאקטן שטיינער־פּארקן,
א מחיצה צווישן אים און זיינע נייע שכנים.

ד.

עס וועט אן אייניקל א קליינס פארקריכן אויפן בוידים :
(עס זיינען דאָך די קליינע חברה מאָדנע קריכער)
און ס'וועלן פון די גרויע הורבעס־שטויב נאָך אויפשטיין
א פאָר פארשמאָלצענע אשוריש־אותיותדיקע ביכער.

עס וועט פון אלטע ביכער אין זיין הארץ א ביינקשאפט אויפגיין,
וואָס וועט אויף יאָרן לאנג אים יתושדיקע שאלות פרעגן,
וועט ער אומגיין מיט א בלאָנדזשנדיקן טראָט אין נאָנטע, קאָרן־פעלדער
זוכן אין זיין פאטערלאנד צו זיך אליין די וועגן.

באַ דער טיר

א.

דאָס ליכט פון אַ גאַס לאָמפּ צעשיט זיך דורך שנייאיקער זיפּ,
צעטראָגט זיך אויף רוקנס פון כוואַליעס אין ווייסן גאַלאָפּ,
רייסט אויס פון אַ גרויער געביידע מיט הוק און מיט קניפּ
גאַנצע זשעמעניעס שמאַראַגדן און וואַרפט זיי אַרונטער, אַראָפּ.
אַ זשמעניע שמאַראַגדן צעשמייסט זיך אָן פּנים פון טרעמפּ,
וואָס שטייט מיט אַ וואַקל און האַלט זיך ביים הענטל פון טיר ;
און פינצטער פאַרפראָרענע פענצטער ווי אויגן צעחרושטע קוקן
אין דרויסן אויף מענטשן דורך אייזיק געשוויר.
עס איז דאָ די „אַרבעטער היים". לאַנג פאַרלאָזן,
פון די, וועלכע האָבן דורך יוגנט חלומות פונדאַמענט
און וועגט אויסגעשפּרייט.
פאַרוואַקסן אום זומער צו איר ליגן וועגן מיט גראָזן,
אום ווינטער מיט שנייאיקע הורבעס פאַרווייט.

ב.

צעהוליעט זיך ווינטיקער אָוונט מיט ווייסער קאָנפעטי באַלאַדן,
צעלאָזט זיך אויף הייזער, אויף דעכער אין ווילדע געדריי־קאַראַהאַדן,
צעשפּילט זיך אין פענצטער מיט יאַלקישע לעמפּלאַך אין „כאַפּ־מיך",
צעגליטשט זיך אַרונטער די גומענע רעדער און שינעס.
קרעכצן אין שנייאיקע הורבעס מיט קייטן געשמידטע מאַשינעס
און שטעלן זיך אויס אין צוויי רייען אין זייטיקער גאַס.
וואַרים און ליכטיק צעווינקען זיך שייניקע שויבן,
צעהילכן דעם דרויסן מיט גראַמאַפאָן, טענץ, מיט געלעכטער און שפּאַס.
דורך רייכע פאַרהאַנקעס, לכבודן יום־טוב פאַרהויבן,
צעגרינט זיך אַ יאַלקע מיט לעמפּלאַך קאָלירטע אין גאַס.
עס איז היינט אַ שמחה ביי קאָהאָנס, אַ קריסטמעס־פאַרווייליונג :
געקומען דער זון איז פון קאַלעדזש. (ער לערנט זיך דאָרט מעדיצין.)

און פריינט און באקאנטע פארפוצטע זיך איילן
צום יום־טוב משפחהוויים — טעכטער און זין.
ברייגנט יעדער א פעקל און לייגט אויף דער יאלקע דער גרינער,
מתנות לכבוד דעם יום־טוב פון נאָענטע פריינט.
באלד טיילן זיך גרופּעס: די יונגע צו יוגנט, די אלטע די אלטע געפינען.
די יוגנט צום גראמאפאָן־טאקט זיך צעשיינט
און לאָזט זיך אויף דילן געוועקסטע אין פלאטריקן טאנץ.
די עלטערע גרינינקע טישלאך פארנעמען ;
צעזעצן זיך ווייבער באלייבטע, פארפוצטע ביי מענערשן פליכיקן גלאנץ;
צעפלאקערט זיך תאוה פון קאָרטן אין פלאָטער פון הענט און פון ברעמען.

ג.

. . . (פארנאכט האָט דער רבי צעלאָזן די קינדער פארפרי היינט אהיים:
מען טאָר היינט ניט לערנען פאר יוזלס נשמה — ס'אי'ניטל.
אין הויז איז דער טאטע אריין, האָט געשטעלט סאמאָוואר. און ביים טיי
געוויזן די קינדער אין קאָרטן אן אויסטערליש קונץ און א שפּיצל.
פארטראָגן האָט אונטער די פענצטער קאלאדעס דער ווינט.
איז קאלטלאך אין שטוב און צעשראָקן פרעגט טאטן דאָס קינד :
„וואָס מיינט עס דער ניטל, און יוזל איז ווער, און פארוואָס
האָט רבי פארזאָגט ניט צו לערנען אין ספּרימלאך היינט".
נעמט טאטע דערציילן פון יוזל דעם ממזרל, וואָס
האָט זיך פאר גאָט־זון געמאכט, און זיין פריינט
יהודה, דער חסיד, האָט אים מיט א חכמיקן שפּאס
געמאכט שם־המפורש זיינס פּסול און נאס.
און קינדערשע אויגעלאך גלאנצן מיט שמייכל, מיט שפּאָט
און טראכטן זיך: כע, און אָט דער איז דער גויעשער גאָט ? . . .)

ד.

מען האָט זיך געזעצט ביי דעם טיש דעם געדעקטן מיט פעטע מאכלים,
געטרונקען לחיים פון אַלטן און רוישיקן וויין.
און יאָרן פאַרשוואונדענע האָבן גענומען זיך מאָלן
מיט קינדישער פרייד, מיט צעזוניקטן פּיין.
דערציילט האָט מען וועגן פאַרפּלאָנטערטע וועגן,
אויף וועלכע ס'איז יעדער געקראָכן אַמאָל ;
פון רוסלאַנד, פון שטעטל און פון דער באַוועגונג
מיט ליכטיקע אויגן, מיט ציטער אין קול.
דערנאָכדעם די יאָרן פון הונגער און ליידן
אין לאַנד דאָ . . . ס'האָט יעדער זיין פּעקל געהאַט —
ביז מען איז געקומען צו „אונדזער געביידע“
די אַרבעטער היים (שוין פאַרגעסן כּמעט!)
דערמאָנט זיך ווי יעדערער ערד האָט געגראָבן,
די ברעטער געקלאַפּט מיט אַ ברען, מיט אַ לוסט.
און איצטער . . . ס'האָט יעדער אין האַרצן געטראָגן
אַ וואָלקן, וואָס האָט זיך געשפּרייט אין דער פּוסט.
האָט יעדער געקוקט אויפן ווייב און אויף קינדער,
אויף גווידערדיק פּנים און גאָלדענער קייט.
אין האַרצן האָט עפּעס געציטערט אַצינדערט
און האָט זיך אַ זינדיקס געשלאָגן „על חטא“.

ה.

העט־העט נאָך חצות איז דער עולם צעגאנגען
זיך, ווינטשענדיק הוליען אזוי „בעראיאַר“.
האָט קאהאן דערפילט זיך, ווי ער וואָלט געהאנגען
אין חלל אויף באלקן און קלעצער א פּאָר.
(די היים און די קראָם, און פארקלעמטע פארלאנגען!)
דערווייל האָט ער זיינע שליסלאך גענומען
אין קראָם גיין פארלעשן די לאָמפּן אויף נאכט,
און, זוכנדיק האָבן די פינגער געפונען
א שליסל, וואָס האָט לאנג פארזשאווערט געשמאכט
אין טאשן. דאָס שליסל פון פוסטער געביידע,
וואָס שטייט זיך א חורבה אין זייטיקער גאס.
האָט ער זיך געלאָזן אין פראָסט און אין ווינטן
אויף וועגן פארווייטע, באפארבטע מיט ווייס.
נעגאנגען, געטאפּט אין די טאשן דאָס שליסל,
געשלעפּט און געשטופּט דורכן שניי פוס נאָך פוס.
ארום דער געביידע שטייט קאהאן א ביסל
דערפילט ער — עס וואקסט אין אים אויס א געלוסט
ארויף ! . . .
אויפן גאניק האָט ער זיך דערשראָקן :
א קערפּער געלעגן איז סאמע ביים טיר.
א שכורער טרעמפּ, ווייזט אויס, איז זיך געשלאָפן
אויף פראָסט און אויף שנייען.
געוואָרן גערירט
איז קאהאן, געגעבן אן עפן די טיר מיט האסט,
ארייננעשלעפּט מענטשלאכן קערפּער.
א מידער,
געבויגן נאָך אונטער א שווערערער לאסט,
געלאָזט האָט ער זיך אין דער נאכט־וויסטער גאס . . .
א שאטן א שווארצער אין פיבערדיק ציטער
איז פאר אים אויף שנייען, אויף ווייסע געלאָפן.

אין פּרייריי

אין פּרייריִ

א.

ארום קראַם.

עס פּרעגלט זיך ערד אינם פייער פון זון
און זאמדיקט זיך הארבסטיק און מיד.
מען שניידט קוקורוזע אויף פעלדער ארום ;
א וואַרימער ווינטל צעלאָזט זיך און פליט,
פארטראָגט ער א שטויב אינם שטעטל, אהער :
פליט דורך א „מאשין" און ווערט שטיל ;
אין גראָזן פון גערטענער שפּרינגט אום און זינגט
איר גרילצנדע לידל די גריל.
אינמיטן דעם שטעטל, אין ראָג פון א גאס
צעהויכט זיך א שילד איבער גאניק און טיר.
די פענצטער פארקלעפּט מיט אנאָנסן פון קוואס,
פון „אָוועראָלס", שיך, פון פּרעזערוון, געשיר,
און דאָ ארום טיר, אויפן גאניק צעזעצט
זיך האָבן די שענסטע בעל־גופים פון אָרט.
ווער רויכערט, ווער קייט, ווער געגעצט געשמאַק
און ציט דורכן גענייץ אמאָל אוים א וואָרט.
דאָ ווערן באהאנדלט די פראגן פון טאָג :
וואָס קאָרן ווערט טייער, צי וואָלוול אין מארק ;
וואָס דזשאן האָט א נייע „מאשין" זיך געקויפט ;
און טוגנט פון יוגנט געטאדלט ווערט שטארק.
דאָ ווערן אויך וויצן און חכמות געזאָגט :
פון שווארצע, וואָסריידן מיט ליפּן און צונג ;
פון אידן, וואָס דרייען אוים איינגליש מיט הענט ;
פון שטאָט־מענטש, פון פארמער, פון ביטערן טרונק.

דאָ ווערן געשליכטעט פּראָבלעמען פון וועלט:
מלוכה, מלחמה, משכנות, באַנקירן;
און יעזוסעס־גלויביקער האַלטן אין איין
פאַרשידענע וואָרט־שטרייטן פירן.
עס איז דאָ דער „אַלערליי־סחורות־געשעפט״.
דאָ קומען פאַר מאַנטיק און מיטוואָך ירידן.
דאַן קומען אָן פאַרמערס פון מיילן אַרום
און טרעפן זיך אַלע אין קראָם דאָ, ביים אידן.

ב.

דער קרעמער

פאַרוואָרפן געוואָרן פון רוסלאַנד אַהער
אַ בחור אַ יונגער, אַ טרוימער,
באַלאָדן מיט שווערע פּראָבלעמעס פון וועלט.
אַ ריטער פון יושר, פון אמת אַ שומר.
אין שולע געגאַנגען צום בונד, צו ס. ס.
דורך סודותע וועלדער, אין היילן.
אין האַרצן געגליט האָט אַן אמת, וואָס האָט
געזאָלט אַלע צערן היילן.
געטאָן „כל עבודות״ . . . געוויינטלאַך, צוערשט:
פון שעפּער, צום פּעדלען, צו קראָמען.
אין האַרצן געוואָקסן איז עפּעס אַ פרעמדס,
וואָס האָט ניט געהאַט נאָך קיין נאָמען.
לעת־עתה האָט זיך די נשמה געשפּייזט
מיט פייער, מיט אַלטן, וואָס האָט געטאָן גליען.
פאַרנאַכטן געלאָפן צו זיך אין לאָקאַל,
געהיצט זיך פון סאָציאַליזם און ציון,
העברייאיש און אידיש, דאָס אידישע פאָלק,
פּראָלעטאַריזירן זיך, אַסימילירן,
און שפּעטער ביינאַכט האָט אַ פאָלקס־ליד געוויינט,
ווען ער האָט מיט מיידלאַך גענומען שפּאַצירן.

געווײנט האָט דאָס פֿאָלקס־ליד אין פֿינצטערע נעכט
און אויסגעווײנט גלוטיקע פּײַנען און ווייען,
און אויסגעהויכט צווישן דעם שלאָפֿיקן פּארק
א וואָיענדן ווײ פֿון פֿארשטיקטע געשרייען;
און שטיל איז אין הארצן געוואָרן אזוי:
א שבתע מאמע געשטילט האָט דעם שטורים.
א שבתע מאמע זיצט איצט ארום אים
און גלעט אים, פֿארגלעט די יסורים.
א ראָזעווע־זיסע האָט בײנקשאפֿט דערוואכט
אין א רוף פֿון זײַן טיף א דערהערטן.
אינגיכן האָט חברה געהוליעט מיט אים,
געמזל־טובט צו זײַן באשערטער.

פֿידעלע שפּילט א פֿריילאכס,
פֿידעלע שפּילט א ברוגז,
פֿידעלע פֿליסט אין אומעט,
פֿידעלע איז אין ספֿקות.

ס׳קומען אָן די דאגות
ווי א כמארע — זאָרגן,
נאָגט אין הארץ א תכלית,
שרעקט א ווייטער מאָרגן.

פֿלאצן לאנגע, דינע
סטרונעס מיט א יאָמער.
טאָטשעט טיף א וואָרים:
טאָמער... טאָמער... טאָמער...

אזוי איז ער ווייט פון זיין זעאונג אוועק
אינם כשופדיק קרייז פונם לעבן,
און האָט ווי זיין טאטע, זיין זיידע אין קראָם
מיט געוואלט זיך אריינגעוועבן.
צוערשט האָט געגלאנצט נאָך א לייכטורם ווייט:
פארלאָזן וועט ער די פרנסה, דאָס לאנד.
נאָר ביסלאכוויים האָט זיך די טעמפּקייט געריקט
און פארצויגן מיט גרויען זיין האָפענונגס ראנד.

ג.

עמוסל.

עס בליען אין פעלדער די בלימעלאך ראָז,
באדעקט מיט א קלאָר־בלויען הימל;
עס שפּילט זיך קליין־עמוסל זומער אין גראָז
און בליט ווי א ליבלאכעס בלימל.
אי יונגע, אי אלטע אים גייען פארביי,
צעשמייכלען זיך זים און צופרידן:
„העי, ביל, גיב א קוק! עס האָט ליב נאשעריי!
קויף א „סאָקער" דעם קליינינקן אידן!"
אזוי פליען יאָרן... אין שטענדיקן זאָרג
איז טאטע פארטאָן, אינם מאָן, אינם באָרג,
און עמוסל וואקסט, גייט מיט חברה אוועק.
ווער וויים, וואו ער גייט עס אויף גאנצענע טעג?
דאָס אין פעלד, דאָס צום ברעג,
ס'זוכט אליין אוים א וועג.
א יונגער דערפינדער אין ראָזעווען בליט.
שיטן זיך בליטן ווי שנייעלאך וויים.
מוקעט א קו — מוקעט עמוסל מיט;
פליט דורך א באן איז א גוואלדיקע נייס;

פֿאָרן דורך פֿערד, לויפֿט זיי עמוסל נאָך;
מאכט נאָך די אָקסן, וואָס שפּאַנען אין יאָך;
יאָגט נאָך די באַבקעס מיט פֿריילאַכן קלאַנג;
הערט זיך איין שטיל צו דעם פֿייגל־געזאַנג;
סודעסט אַ וועלדעלע וואונדערלאַך־רייך,
פּוצט זיך קאָקעטיש אין שפּיגלדיק טייך;
און אַלץ איז באַגאָסן מיט בלענדיקן שיין,
מאַניעט פֿאַרפֿירעריש: קום, קום אַריין!

עס באַגעגנט אָפּט עמוס דעם גלח מעקגיל.
דער גלח האָט ליבלאַכע, שמייכלענדע אויגן.
ער מאַכט אָפּט מיט קליינוואַרג אַ לויף און אַ שפּיל
און לערנט זיי מאַכן אַ פֿייל און אַ בויגן.
פֿאַרפֿירט זיך דער גלח אַ שמועס אַ שטילן,
גיט „חבֿרה" אַ פֿרעג אַזוי זיס און פֿאַרצויגן:
„איז ווער פֿון אייך קומט ניט אין זונטיק־שול שפּילן?"
— „מיר קומען דאָך אַלע!" — נאָר עמוס מיט אויגן
אַרונטער צינדט אָן זיך אין ראָז־רויטע פֿלאַמען.
ער'ט פֿרעגן דעם טאַטן, ער'ט זאָגן דער מאַמען,
זיי זאָלן אים לאָזן אין זונטיק־שול שפּילן.

ד.

זונטיק

א זויבערער זונען־פרימאָרגן צעשמייכלט
זיך האָט אויף דער איינציקער גאס.
מיט דעבער, מיט בלומען געטריבן
א שטיפעריש־שטראַליקן שפּאַס.
נאָר העכער פון הייזער ט׳דער צלם
מיט חוצפּה געגלאַנצט אין א נעץ
פון שטראַלן, וואָס האָבן געקושט אים,
ווי פּייעס פון עפּעס א געץ.
באַלד האָט זיך פון אונטערן צלם
אַרויסגעכאַפּט קלינג . . . קלונג . . . און קלאַנג . . .
און גרוי־ווייסע טייבעלאַך־פּאַרלאַך
צעפליען זיך האָבן אין איילעניק געדראַנג.
דאַן זיינען פון הייזער פּארקאַמט און צעיומטובט
אַרויס יונג און אַלט אויף דער יוניקער לופט;
מיט רואיקע טריט, מיט בארוטע געמיטער
געשלונגען בנעימות די מאָרגיקע דופט.
געלעגן איז עפּעס א קיצלענדע ליניע
אין קראַגן און ווייסע, און יומטובדיק קלייד
פון עולם, וואָס תמיד אין „אָוועראָלס" בלויע
געשטראַלט האָט מיט פּראָסטער נאַטירלאַכער פרייד.
באַגעגנען זיך פריינט מיט א ברייטן „גוט מאָרגן".
„א גאַנץ שיינער טאָג היינט?" — יע, ס׳אי׳זייער שיין —
און לאָזן זיך ווייטער אין לאַנגזאַמען שפּאַנען,
אין תפלה צום שחרית לאָזן זיך גיין.

ווי א בלינדע בעטלערן, וואָס ווארימט זיך אין זון,
האָט אויסגעזען די קראָם מיט איר פארמאכטער טיר,
און א פאריתומט אויסגעפוצטער האָט זיך עמוסל
געווארימט אויפן גאניק ארום איר.
געקוקט, ווי זיינע דזשאנס און בילים זונטיקדיק־
פארפוצטע ציען זיך אין קירך אריין,
האָט ער געטראכט: „ווי פריילאך און ווי גוט
עס מוז זיי דאָרטן זיין!“
און דאָ איז דימפל אָנגעקומען מיט א לאך:
„העי, איימי, קום, וואָס בלאנקעסט זיך אליין?“
האָט ער געלאָזן זיך מיט דימפלען
אין פרעמדן וועג צום קלויסטער גיין.

... ס'איז גאָרנישט! ביינקלאך פונקט ווי אין א סקול.
נאָר ריידן רעדט מען דאָ פון יעזוס קריסט.
נו, הערט זיך עמוס צו — און טיף אין הארץ
א ווייטע פרעמדקייט פחד־קעלטן גיסט.
„פארפאלן שוין! ... ער ט'מער אהער ניט גיין.
נאָר איצט? ווי קאָן ער איצט אוועק?“
ער קוקט זיך אום אויף פענצטער און אויף טיר
און זוכט ארויסצוגיין א וועג.
נאָר אויגן, אויגן זעט ער אומעטום,
ער קען פון אָרט ניט געבן זיך קיין ריר;
ער וויים ניט, וואָס מען רעדט; עס שווינדלט אים אין קאָפּ:
„עס זאָל זיך ענדיקן שוין, וועט ער לאָזן זיך צום טיר!“

און אָט האָט זיך געענדיקט.
מע שטעלט זיי אוים צו צווייַ.
מע הייסט זיי אויבן אין דער קירכע גיין
אין גלייכער ריי.
עס ברעכן אים די פים :
„ווי דרייט מען זיך ארוים ?“
נאָר חברה לאָזט זיך שוין.
עס גיט ווער א שטוים.
ער טראָגט זיך אין א טייך.
אָט זעצט מען אים אוועק.
דער גלח גייט ארויף
און פּרעפּלט אָן און עק.
ס'אי'שטיל אזוי. מען הערט נאָר
דעם גלחס שטארקן קול . . .
און פּלוצלונג גיט דער עולם
א הויב זיך מיטאמאָל.
דער גלח ווערט אנטשוויגן,
מ'שלעפּט עמוסן ביים האנט :
זיין טאטנס אויגן ברענען,
אין פּנים בלייך ווי וואנט.
דער עולם גיט א ציטער.
עס דויערט א מינוט.
און עמוס איז אין דרויסן.
עס איז אים שווער און גוט.
דער טאטע רעדט קיין וואָרט ניט,
נאָר ציטערט שטיל און פליט,
און עמוס ווי א חוטא
פליט מיט זיין טאטן מיט.

עפּילאָג

אין מיטן פון שטעטל, אין ראָג פון דער גאַס
נאָך הויכט זיך א שילד איבער גאַניק און טיר.
די פענצטער פארקלעפּט מיט אנאָנסן פון קוואַס,
פון „אָווערגאָלס", שיך, פון פּרעזערוון, געשיר.
נאָר שפּינען פארשפּינען די ליידיקע ווענט
און שטעלן אויס שפּינוועב אין פענצטער און טיר;
און דאָרט, וואו עס פלעגט זיך ירידן גאנץ אָפּט,
גיט איצטער די שטילקייט קיין ציטער, קיין ריר.
איז שטילער געוואָרן דאָס שטעטל און האָט
זיך גרויער אין פּריירי פארטייט.
געבליבן נאָר זיינען לעגענדעס אין מויל
פון עטלאַכע גרוי־אַלטע לייט.
נאָר וואו ביסטו, קרעמער, פארבלאָנדזשעטער, וואו?
אין וועלכע מקומות אוועק?
האָסטו שוין געפונען א תיקון פאר זיך,
צי בלאָנדזשעסטו אַלץ נאָך אין וועג?
צי האסטו די וואָרצלען אין פּריירי פארטיפט,
און אויפגעלעבט האָסטו מיט קראַפט?
צי האָט דיך די פּריירי גאָר וואקסן געלאָזט?
צי אָפּגעשווייגקט דיך אין איר זאַפט?

געווירפֿל

געווירבל

אויסגעוואשן האָט געבלויט זיך העל דער הימל איבער שטאָט
און אָנגעזאָגט א בשורה צו די ביינקענדיקע ביימעררייען,
צו די לאָנען ביי די זייטן, פון די הייזער, אז אָט־אָט
וועט פרילינג זיי מיט גרינס און מיט געפליגלטע דערפרייען.

דער פאבריקן־רויך האָט איצט געשמעקט מיט קטרת־ריח,
און דער עול פון טאָג געווען איז איצטער גרינגער,
אז אפילו קאליקעס ביים ראָג באקומען האָבן כח
און צעפרידענע געציילט אין טעצלאך יעדעס מאָל די קלינגער.

די טראמוויי־אָטאָמאָבילן — הודזשען פייף־געקלאנגען
האָט געשפּילט, ווי אן אָרקעסטער אויף די יומטובע פאראדן,
און די מענטשן־מאסע האָט געטאנצט אין האוונדע געדראנגען
איבער גאסן, אילוזיאָנען, קראָמען, קרעמעלאך און סקלאדן.

ב.

צווישן עולם איז געגאנגען חיים פּונקט ווי יעדן טאָג.
פייפנדיק א לידל, האָט ער טיף געקוקט אין פרויען־אויגן,
וועלכע האָבן היינט געמאניעט מיט געהיימן מאָג
און מיט שטארקער ביינקשאפט חיימען צו זיך געצויגן.

עפּעס איז געווען אזוי, ווי ער וואָלט זיין אין פּארק
ארומגערינגלט מיט מיליאָנען בלערליי קאָלירטע בלומען,
און פון דעם, וואָס זיין געליבטע האָט געדריקט זיך צו אים שטארק,
האָט א נאיענדיקער ווייטיק דריקן אים גענומען.

האָט ער זיך געלאָזן לאסטשען פון די שטראלן־זון
זיינען אויסגעוואקסן אינם האָריזאָנט מיראזש־געמעלן,
וועלכע האָבן אים פארטויבט מיט זייער תאווה־שאלן און
אין די הינטער־געסלאך אים פארשלעפּט מיט שטילן לאך און קוועלן.

ג.

דאָ אין הינטער־געסלאַך אינם טאָל פון שטאָט
האָבן זיך די נעגערן פארקליבן :
ווייסן מענטשנס שווארצער האס און שפּאָט
האָט דעם שווארצן מענטש אהער פארטריבן.

האָט זיך דאָ אין טאָל געקלאפּט דער שוויס
פון די אפריקאנער זין און טעכטער,
און געזאנגען האָבן זיך געצויגן לאנג און היים
אויסגעמישט מיט ברוסטיקן געלעכטער.

„אָ, מאמע מיינע, ברייננ מיך שוין צוריק
צו דעם וויטן זיסן לאנד" . . .
און א פולע ברוסט אין זעלבן טאָן צעוויגט
זיך הין און הער אויף שעהן נאכאנאנד.

דאָ פלעגט חיים אומשמייען טאָג אוים, טאָג איין
ס'האָט דאָ יעדער איינער חיימען געקענט.
פלעגט מען אָפּט אים איינלאדן צום גלעזל ביר און וויין
און רופן אים: „קום מיסטער מעטראָפּאָליטן אגענט!"

ד.

די ווייסע שקלאפן־טרייבער האָבן ניט נאָר בייטשן,
זיי האָבן אויך די ביבל און א יעזוס קריסט.
דערשרעקט מען זין פון אפריקע מיט בילדער און מיט טייטשן, —
ביז לעצטער פרייהייט־שטראָם פון הארץ ווערט אויסגעטרינקט, וויסט.

נאָר זודיק בלוט שלאָגט ראשער ווי די ערגסטע בייטשן,
און בראָנפן איז דאָך אויל אויף פלאקערדיקן פלאם —
צעלייגן זיך אין נעגער־גאס פּוזאטיק־גראָבע דייטשן,
און הור־הייזער צעוואקסן זיך בא יעדן פלויט און צאם.

דער ווייסער שפּאַנט ווי באַלעבאָס ארום, ווער קען אים זאָגען ? !
ווערט פּוריטאַנער חכמה דאָ פאַרלאָרן אָן א זייט.
דאָ ליגן קופּעס מיסט און קרעץ פון נאָנטער שטאָט פאַרטראָגן
און וואַרטן נעמען ראַכע פון די חשוב־ווייסע לייט.

ניט איינמאָל האָט א יונגע ברוסט צו חיימען געוואונקען,
ניט איינמאָל האָט א וואָרט אשאַרפּס צערייצט אין אים דאָס בלוט.
ווי פון פאַרפּעסטעטע קוואַל וואָלט ער אין היצנדורשט געטרונקען
מיט טיפן עקל מורמלענדיק : אי, פּע, אי פּע, ניט גוט.

ה.

מיט יעדן טאָג האָט זיך די נעגער־גאַס געלאָזן טיפער
טיף אין חיימס פלייש אריין, אין בלוטן,
און צווישן שמועס פון געשעפטן, צווישן שורות־ציפער
האָט די גאַס באַקומען א געשטאַלט פון א ניט־גוטן,

וואָס האָט געפייניקט חיימען אין העלן טאָג,
צינדנדיק זיין תאווה אין די נאַכטן.
נאָר נאַכטיקע חלומות האָט דער טאָג פאַריאָגט,
און נאַכט האָט זיך געשפּייזט פון טאָג, אין גאַס פאַרבראַכטן.

געפילט האָט זיך ווי חיים וואָלט געווען אין בהמות־שטאַל,
אָנגעשמעקט זיך מיטן ריח פון די פרישע מיסטן,
פון וועלכע ס'קערט דעם מענטשן דאַכט זיך גרין און גאַל,
דאָך דערוועקט ס' אין אים פאַרבאָרגענע געלוסטן.

געווען איז עפּעס אזא נאָכגעביקע פרייקייט
אינם שוואַרץ און ברוין מולאַטיש־בליק פאַר אים דעם אידן,
וואָס איז געוואַקסן אין דער שטרייינגקייט פון משפּחה־טרייקייט
אינם פּאַטריאַרכיש לעבן פון דעם שטעטלס רו און פרידן.

ו.

. . . און אז די נאָלדיק־העלע אָב־נעבכט פּלעגן זיך צענאַכטיגאַלן
אין יונגן בלוט, צעברויזט אויף אַן עק־שטעטלשער „סאַבראַניע".
ווי קען מען זיך אַוועקלאָזן אין „הויז" אַרום וואַקזאַלן
אַ ביסל ליבע קויפן אין פאַרדעכטיקטער קאָמפּאַניע?

די שטעלטדיקע גאַסן זיינען דאָן באַטרוימט מיט בלויע מיידל־אויגן,
און מיט פּיאָלקע־ריחות שמעקן, דופטן בלאָנדע צעפּ,
און זעכצניאָריקע צעפּלאַמט־באַחנטע באַקן מעגסטו וויגן
אויף ביינקעלאַך אין די אַלייען אַרום דניעפּ.

נאָר, אַז עס עפנט זיך פאַר דיר אַ נייער טאָוול,
און קעסטעלאַך און קאַסטנס הויבן זיך אַזש ביזן האָריזאָנט,
דערזעסטו זיך אין איינזאַמען אין אַלטן־נייעם בבל,
העט — ווייט אַוועק פון דניעפּער ברעג, וואָס האָט זיך דיר דערמאָנט.

און באַ די ברעגן פון מיזורי ווער טראַכט פון אַלייען?
עך, באַ די ברעגן פון מיזורי ליגן קופּעס מיסט!
אין אָב־נעבכט פאַרעלעקטרישטע צעגייען זיך געשרייען:
„מיר קויפן און פאַרקויפן דאָ — קומט גיכער און געניסט!"

ז.

אין הייסן זומער־שווייס געשפּאַנטע
דערצאַנקט ווי גרויע חלב־ליכט די קראַפט.
קיין אָפּרו פאַר די פרייע אַרעסטאַנטן
אין פאַבריקן־דרויש, וואָס הילכט מיט „שאַפ"!

שאַפ, שאַפ! פאַרוואָס און צוליב וועמען?
עס ציט אַזוי צום אָפּרו, צו דער פריי.
וואָלט כח נאָר געווען צו נעמען
און געבן דער פאַסקודנער שאַפ אַ שפּיי.

און אז דו ביסט אפילו אויף דער לופט דער פרייער,
למשל אן אנגענט, וואָס האָט עס פאר א האפט ?
אז איבער דיר הילכט אלץ דער בייזער שרייער :
„קיין אָפּרו פארן שקלאַף ! קריך אום און שאַף!"

ביסטו א שטייער־מאָנער פון אביונים
פאר אן אומגעזענעם עקדיש און וואמפּיר,
וואָס שפּייט זיין פייער אינם זומער טאָג אין שיינעם
און שיפּעט בייז אויף דיר דורך ציינער : „פּראָדוציר!"

ח.

פארנאכטן פלעגן לייגן זיך ווי גרויסע בלויע פייגל
און פאָכען מיט די פליגלען פיאלעט איבערן שטאָט.
אין מערב־האָריזאָנט האָט גאָט געשלונגען וואָלקנבייגל,
פארכלינענדיק זיך אין א שווארצן רויך פון א זאוואָד.

גוט אויסגעשוויצט אין שווייסיק באָד א טאָג אין די פאבריקן
לאָזט יונגווארג זיך פארפּוצט־צעוואשן ערגעץ אין א פּארק.
מען גיט זיך אָפּ דער קילער לופט מיט לאכן און כיכיקען,
פארשכורט פון דער נאכט, וואָס טראָגט לבנה אויף איר קארק.

מען רעדט זיך שטילערהייט א דורך פון שווערער האָרעוואניע,
און באלד לייכט אויף א העלער שטראל אין אויסגעשוויצטער ברוסט,
צעשמועסט מען זיך פון מלחמה פון רעליף־קאָמפּאניע,
פון ארבעט־נויט, פון אידנוויי מיט יונגן ברען און לוסט.

קומט שטיפעריש לבנה־שטראל און חוזקט פון די יונגען,
צעלייגט מען זיך אויף גראָז אין רו אין ראָד ארום א קוסט.
א פּאָרל נאָך א פּאָרל. שטיל. ווער האָט עס זיך צעזונגען ?
עס זינגען יונגע חברה־לייט מיט יונגן ברען און לוסט.

א לידל פליסט א שטילס א צאַרטס, א שבתדיקע מאמע,
וואָס גלעט מיט ווייסע פאַרמעט־הענט אויף לאַנג־פאַריתומט קאָפּ.
עס שטייען תחית־מתים אויף פאַרביינקטע בילדער, סאמע
די נאָענסטע און ציטריקסטע און לאָזן דיך ניט אָפּ.

און פּלוצלונג אויף צו להכעיס גיט א יונג א זונג מיט פייער
און ס'קלינגט א שטורם־ליד אין נאַכט, אין גאָלדיק־בלויער נאַכט.
עס גליען אויף מיראַזשן ווייטע פון א וועלט א נייער,
און קללות באַריטאָנעווען צו אַלטער וועלט, וואָס קראַכט.

און שפּעטער קנוילן איינזאמע און יונגע זיך אין פליסטער,
און ווייטע ווערן נאָענטע אין בייגקשאַפט און אין לייד.
עס ווילט זיך גאָר אהיים ניט גיין, ווען ניט דער בייזער ווּיסטער
פרימאָרגן וואָלט געשעפּטשעט בייז: 'זייט גרייט, געדיינקט, זייט גרייט'

ט.

ער, חיים, איז געוועזן דאָ דער גאַנצער ראש־חבריא.
אין טיפן הארץ זיינס האָט א ווייטיק אַלעמאָל גענאָגט,
פלעגט ער נאָך מערער קאָכן זיך און מער פון אַלע שרייען,
און מיט געליבטער אָפּזיצן ביז מזרח האָט געטאָגט.

דער טאָג אין טאָל און הייסע נאַכט און שטאָטיק וואַקכאַנאַליע,
און יונגע בלוט, און נזיר־טעג — ווער קען זיך ווערן, ווער ?
אין ברוזיק ים פון הארץ געקילט האָט איין און איינציק כוואַליע,
דעם ווייטן שטעטלס צניעותקייט — אַן איינציקער באַריער.

פון ווינקלען שאַרף געגלאַנצט האָט רו אין שטילע דלד אמות
פון איינגער הויז און ווייב, און קינד — א שלאָס פאַר רוישיק בלוט.
נאָר ווער קען טראַכטן לאַנג פון דעם אין יוגנט און אין תמוז
און אויסערדעם — ס'אַמעריקע — גיי בוי אָן געלט — ניט גוט !

און אפשר ? (פארוואָס אפשר האָט ער קלאָר נאָך ניט פארשטאַנען)
און אפשר וועט זיך טרעפן עפּעס וועט ער אויך אוועק
אהינצו, וואו עס בלוטעט רויט א וועלט פאר די מיליאָנען,
וועט ער אהין פארשלעפּט ווערן און — אויס, אסוף, אן עק!

י.

א סוף, אן עק, אסוף, אן עק; עס מוז דאָך זיין א סוף . . .
א שווארצער קאלטער אָטעם בלאָזט פון טיפעניש פון קעל.
א יאָמערדיקער סטרונע־ציטער וויינט אין יעדן צעל,
פארפלייצנדיק אין ביטערניש א לעצטן שטראל פון „האָף".

איז עס דערפאר וואָס ס'אי'זיין וויג געשטאנען אין א גאס
צעווישן מאהילקעס און אלטער געסל פון די אידישע לווית
און דורכן ערשטן קינדער־שפּיל, דורך יונגן אינגל־שפּאס
האָט טויט געקרימט זיין וואקסנלאָך אין כלערליי העויות ?

ארויף, ארויפן בארג געשלענגלט האָט א ווייטע וועג
און האָט זיך אָפּט אין פינצטערן תהום פארלאָרן ;
און פיס געגליטשט זיך האָבן פאזע ארום ברעג,
פארגיפטעטע פון הארטן שטיין און שטעכעדיקן דאָרן.

דערפאר פלעגט טאקע צייטונג־פּאק זיין קעשענע באקרוינען :
עס מוז דאָך עפּעס קומען, יאָ, עס מוז עפּעס געשען !
עס פלעגן שטילע נעבט צעטראָגן ציטריקע געוויינען,
ווי אשיק־גרויע חשונטעג, פּריטשיטעוועדיק : ווען ?

יא.

ס'אי'געווען אין צייט, ווען די קאַנאָנען־
עכאָס האָבן זיך אהער צו אונדז דערטראָגן,
ווען פארשידנפארביקע פאטשיילעס־פאָנען
האָבן יעדערן גערופן : קום זיך שלאָגן !

ווי פאטשיילעס פון צעפודרעוועטע הורן
אויפן טויטנבעט פון זינד און לוסטן —
האָבן יעדערן געלאָקט אין רויטן שטורים
מיט א שטילן שיפּען פון די הוילע ברוסטן ;

ווען געוויזן האָט מען אין אילוזיאָנען
די פארגוואלטונג פון די שיינע בעלגיערנס ;
ווען אין וואקל האָבן זיך געשאָקלט טראָנען
אונטערן גערויש פון ארבעטער־פארשווערנס ;

ווען אראָפּגעוואָרפן כלעריליי התחיבות,
איז די אלטע וועלט אין גסיסה אויסגעגאנגען,
ווען באפרייט געוואָרן זיינען לאנג פארשטיקטע תאוות,
ווען געריסן האָבן זיך אין וועלט פארבאָרגענע פארלאנגען.

יב.

אז גרעניצן זיינען פארמאכט געוואָרן,
פארשפּארט געוואָרן צו דער ווייטער היים די וועג,
איז ביסלאכווייז פארמעקט געוואָרן אין זכרון
די רואיקייט פון שטעטלדיקע טעג.

קיין בריוו אפילו האָט דיך שוין מיט ערגעץ ניט פארבונדן.
ביסטו געבליבן אויסגעשטעלט אנטקעגן הפקר־שטאָט,
וואָס האָט דיין גרויסן אומרו אָנגעצונדן
מיט אן אומגעזונטן פייער פון פארבאָט.

אין צייטונגען באשריבן איז בפרוטרוט,
ווי תאוה האָט געלאָזן זיך אין טאנץ,
איז גוט צו ליגן אין דער נאכט אויף בעט, רויט
צעגליט אנטקעגן ווייטן הפקר־גלאנץ.

אז וואסער קען געוויס ניט שטילן
דעם ברען, וואָס וויים ניט פון קיין צאַם,
זאָל פייער העכער זיך צעשפּילן
און אויסגיין אין זיין אייגנעם פלאַם.

יג.

האָבן מיר געהאט דעבאטן,
רעזאָלוציעס געפאסט,
אז דער קריג פון באלעבאטים
איז באַם ארבעטער פארהאסט.

האָבן אונדזערע דעבאטן
אויסגעהערט לאָקאלן ווענט
און געשמייכלט : „אויך מיר יאטן !
ווייזט נאָר טאקע, וואָס איר קענט!“

האָט מען אונז אין שלאכט גערופן,
האָט זיך קיינער ניט געווערט . . .
רעזאָלוציעס אונטער הופן
און דעבאטן ארום פערד.

יד.

היינט יענער זעקס־אזייגיקער פרימאָרגן,
ווען חברים בלויער קוק פארזאָרגטער
האָט אים זיין פרימאָרגן־שלאָף צעשטערט —
געמאָנט : „א וועלט, א וועלט א גאנצע גייט דאָך אונטער.
קום, טו זיך אָן און קום מיט מיר ארונטער,
קום גיך מיט מיר ! איך האָב א פלאן פארקלערט!"
יאָ, יאָ . . . די פופציק אויף מאשינקע־אָנגעקלאפטע צעטלאך,
וואָס האָבן ווי יתומימדיקע ווייסע ביימער־בלעטלאך
א פופציק לאָמפ־זיילן געטאָן באצירן :
געוואָרנט, אז דאָס פאָלק זאָל זיך באקלערן,
דאָס גאנצע פאָלק זאָל אויפשטיין און זיך ווערן
אנטקעגן דער מלחמה און אנטקעגן רעגיסטרירן.

א פופציק ווייסע צעטלאך קעגן טויזנטער צעווייטע פאָנען,
א פופציק ווייסע צעטלאך צום געדיינקען, צו דערמאָנען,
אז ס'איז פאראן נאָך בלוט, וואָס בלוטעט פארן בלוט . . .

יח.

געבליבן איז נאָר ווער עס האָט באהאלטן זיך אין פרעמדן נאָמען
און וועמען עס איז בייגעשטאנען פרעמדקייט אינם לאנד,
האָט מען פארביטן שאפ אויף קרעמעלאך און קראָמען,
אז ווייטער ים פון בלוט ברייננגט גאָלד מיט פולער האנט.

איז וואויל צו דעם, ווער עס האָט זיך געפונען !
האָט איבערנאכט געוואונען אכטונג און רעספעקט.
נאָר, וואָס זאָל טאָן א מענטש בא וועמען ס'איז צערונען
זיין ראָזעווער מיראזש אין טונקל־בלוטיק פלעק ?

האָ? וואָס זאָל טאָן א מענטש אליין אין א געווירבל
מיט אָפן פנים צו פארשכורט־ברענענדיקער וועלט ?
— וואָס וואַרט אויף עפּעס דורכן נאכט ביז פורפל
פארטאָג־צעבליטן הימל־ראנד צעהעלט ?

יו.

דאן האָט זיך איבער ים צו אונדז דערשלאָגן
דער אַלטער איד מיט טרערן אין די אויגן,
און מיר האָבן דערפילט זיין שטילן וויי און קלאָגן,
האָט טיף אין הארצן אונדז געגומען זויגן.

האָבן מיר דערזעען אונדזער אָרימקייט און שפלות,
מיר, די רייכע רואיקע און זאַטע.
זיינען מיר געפאלן צו די אַלטע שטיוול. עס
אָנגעכאַפּט און אויסגעשריען: טאַטע, טאַטע, טאַטע.

און געלאָזן זיך צעגויפקלייבן די ברעקלאך
פון די איבערפולטע כל־טוב מאָלצייט־טישן,
און צו יעדן ברעקל האָבן מיר צום עקל. אך,
צום עקל נאָך פּאָליטיקע באַדאַרפט פאַרמישן.

נאָר נאַיווע האָבן דאן דערהערט געשרייען,
וואָס האָבן זיי גערירט ביז טיפסטן טיף —
האָבן זיי געלאָזן זיך אין ערשטע רייען
פון הייליקן און נויטיקן רעליף.

יז.

זומער זונענדיקער זונטיקער פרימאָרגן.
אזא רואיקייט און רחבות אין די גאסן !
איז דאָך גוט אמאָל באפרייען זיך פון זאָרגן
און פון הויז צו הויז זיך אומשפאנען געלאסן.

און אז וואָך פאַריאָכט אונדז אונטער יאָכן
איז דאָך גוט א זונטיק מיט א יאָבעלע צו בלייבן.
ביזן עכסטן שטאָק אויף טרעפּ־געדריינג געקראָכן
פאַר מלחמה־ליידנדע נדבות קלייבן.

אָבער אז דאָס יאָכעלע איז גרינג פאַר לאסט פאַר שווערער,
און דאָס הארץ קאָן פאָרט ניט אויפהערן צו זידן,
דאַרף דאָך פאלן עפּעס וואַגיקער און שווערער,
אַז דערדריקן זאָל עס אויך דעם קאָפּ דעם מידן.

אז פארזאמלונגען, פארוויילונגען, דעבאטן
קענען ניט דעם וויי פון הארץ פארשרייען,
מוז דאָך טאקע זיין שוין גאָר ניט גלאט, און
עפּעס מוז דאָך פאָרט פון צער באפרייען.

יח.

עס זיינען אויפגעשטאנען תחית־המתים לאנג־פארשוואונדענע לעגענדן
פונקט ווי יחזקאלס ביינער טרוקענע אין בבלס טאָל
ס'האָט גוג ומגוג שוין געצויגן שווערדן פון די לענדן,
און ווער געוואָלט, האָט שוין געהערט משיחס שופר־קול.

און עפּעס א לאָרד באלפור איז געוואָרן עלינאָווי:
האָט מבטיח געווען עמיצן א פרעמדעס לאנד —
זיינען פעדלער אידישע געוואָרן העלדן, אנשי־צבא
און מיט ציטערניש גענומען ביקס און שווערד אין האנט.

האָט יעדערער פון זיי געגרויסט זיך — א בר־כוכבא,
כאָטש נעם און גיב אים אָפּ דעם סאמע אויבנאָן.
עס איז געווען די צייט, ווען פרישע בלוטן — אך וויי —
האָט אין מלחמה־ים געשטראָמט דורך אידנלעגיאָן.

יט.

עס האָבן היימען געמאַטערט בלוטיקע קאַשמאַרן.
ער האָט געזאָפּט מיט נייגיר יעדע נייס פון שלאַכט.
עס האָבן זיס געפּייניקט אים די פרעמדע ווײ און צערן,
און גרוילן האָבן לוסטן העלע אויפגעוועקט ביינאַכט.

עס איז די אַלטע וועלט אין רינשטאָקן געלעגן
און האָט גענערט זיך נאָך פון יונגן פלייש און בלוט,
פלעגט חיים אומבלאָנדזשען ביינאַכטן איבער וועגן,
וואו שטאָטיש ווײ און לוסטענצער רוט.

ס'איז עפּעס דאָך געווען אַזא מין משוגעת
זיך פירן ווייטער דאָ א שטיל און לייטיש לעבן,
ווען טיף אין האַרץ ווי שוואַרצע בלום האָט זיך צעוואַקסן האַס,
און האָט אים אין א כשוף נעץ אַריינגעוועבן.

כ.

און דאָ איז זי געווען די יונגינקע מולאַטקע.
צעבליט זיך ווי אַן ערשט־צעפּרילינגט רויזנקוסט.
זי האָט אים אָפּגעוואַרט פרימאָרגנס אין איר הייזל
און האָט צעשפּילט זיך מיט איר טונקל־הויטער, יונגער ברוסט.

האַלב צוגערעקט מיט מאָרגיקער קימאָנע,
האָט ער דערפילט איר ראַשיקן טיק־טאַק.
די שטוב האָט אָנגעפילט א רויך פון חזיר־שמאַלצן
און נאָך עפּעס, וואָס איז געוועזן ביזן פיין געשמאַק.

ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען זיינע ליידן,
ערשט איצט האָט ער דערפילט זיין פולן צער און ווײ!
ס'איז זי . . . זי רויבט עס אים זיין שטיל און רואיק לעבן.
עס איז דאָך קלאָר אַזוי, ס'איז פּשוט קלאָר אַזוי.

איז וואָס, צום טייוול, וועט ער זיך נאָך דרייען ! . . .
אין אירע אויגן איז געלעגן שווארצער פיבער־שרעק.
ער האָט מיט זשעדנעם מויל פארשטיקט אירע געשרייען
און דורכגעריסן איר קימאָנע בא א ברעג . . .

דערנאָך איז זי געלעגן אויף דער סאָפע ;
אויף איר קימאָנע האָט גערויטלט זיך א פלעק.
ער האָט פארלאָזן זי אין אָנמאכט אינם הייזל . . .
א חשך־זייל געצייכנט האָט זיין וועג.

א קלונג פון א טראמוויי. . . וואו גייען עס טראמווייען ?
א דאגה וואו זיי גייען! שטייג אויף און פאָר אוועק !
עס קלינגען אין די אויערן צעשראָקענע געשרייען ;
עס בלישטשעט פאר די אויגן אויף קימאָנעס רויטער פלעק.

כא.

שטעלן זיך בא ראָגן אָפּ טראמווייען,
גייט א האוונדיקער מענטש ארויף, אראָפּ ;
קלינגען גלעקלאך נערוועזע און שרייען :
„עי, דאָרט, זיץ, און הויב ניט אויף דיין קאָפּ!“

וויפיל מיינט איר איז א שיר צו פאָרן אויף טראמווייען ?
שפּיצט זיך אָן א נאכט מיט בליקן־שווערד.
שלאָגט מען זיך אדורך צענויפגעדרייט אין דרייען
צום צימערל, צום איינזאמען בארואיקט, אומגעשטערט.

רואיק? אומגעשטערט? כא, כא! פון שארפע ווינקלען
קלאָגט ארויס מיט יאמער אויסגעלאכטע רו.
שווערע גראמטעס פון א תפיסה פינקלען :
„א פארברעכער! — דו? — ס'אי' דו !

יאָרן און חלומות שטעלן זיך אין רייען,
מאָנען אָן רחמנות: „דין, דין, דין!“
זיצט אַ מענטש אַ פינצטערער צענויפגעדרייט אין דרייען:
„עך, אנטלויף וואָס גיכער, עך, אנטלויף!“ — „וואוהין“?

כב.

די פינצטערניש פון נאכט האָט ווייכע מאמע־הענט.
גייסטו ווי אַ גלייכער מיט די שאַטנס־שטיפער.
נאָר שטאָט האָט שטילע נאכטן מיט אַ בליי־לאָמפּ אויסגעברענט,
זינקען שטילע שאַטנס אין די זייט־געסלאַך נאָך טיפער.

פון איינעם פון די זייט־געסלאַך דערהערן זיך גערייד.
שטייט אַן עולם בײַ אַ קאסטן, איבער אים אַ שאָטן.
דער שאָטן רעדט פון בלוטן, פון גאולה און פון זיידן,
פון גלות און פון אידן „וואָס מעט'אומעטום געבראָטן“.

אַ שאָטן רופט צום צווייטן: „וויפיל האָסטו שוין פארשריבן?
מאָרגן פרי גייט אָפּ אַ באַן. וואָס זאָגט איר חברה, יאטן?“
האָט חיים אין דערשלאָגנקייט צום טישל זיך דערקליבן,
פארשריבן זיך אין חברה פון די אידישע סאָלדאטן.

און דאַן האָט ער אַ גאנצע נאכט געבלאָנדזשעט איבער גאסן.
טיף אין הארצן אַ געמורמל: „ווי דערלעבט מען שוין פרימאָרגן!“
פארטאָג האָט אים געטראָפן אינם פּארק אויף טויען נאסע,
פון נאכטיקע און נעכטיקע קאשמארן־הענט געוואָרגן.

כג.

און שפּעטער האָט א זומער־זון געלויכטן דורך א רויכזייל,
און רעדער האָבן ווייטיקדיקע מאַרשן אויסגעפּויקט.
איז חיים זיך געזעגן שטיל צעווישן חברה יונגען
און האָט געקלערט: „וואוהין האָט זיך זיין לעבן אָפּגענויגט?"

און פּלוצים האָט א שפּיגל אים א בליץ געטאָן אין אויגן,
האָט ער דערזען אין שפּיגל זיך — ערשט ער איז גאָר ניט ער:
א חיים איז געשטאָרבן, און דער באַנראַד שפּילט א „צדק",
א צווייטער חיים לעבט איצט אויף ביז טויט צעווייטיקטער.

א צווייטער חיים זוכט פאר זיך פאַרגעניסקייט און רעטונג,
ניט וויסנדיק, ניט טראַכטנדיק פאר ווער'מען און פאַרוואָס . . .
פליט ערגעץ וואו און יאָגט א באַן און שלינגט איין בארג און טאָלן.
א מענטש אין אים קוקט שטאַר אין וועלט דורך גרויען פענצטער־גלאָז.

די זייער אין טרערן

די זייער און טרערן

א מתנה האָמליער אידפּערטעכניקום.

א.

א ציל־ברעט, א מאַנעקען
פאַר אויגן־קאַרשן, אויגן־הימלען,
וואָס זיינען אָפּגעשטעלט אין מיטן שפּיל, און סאַמע ברען
געצוואונגען זיצן שטיל און האַלבן דרימלען
און הערן פון א פרעמדער וועלט :
מענטשן,
טיפּן,
ציימן,
כליפּען,
ליידן ;
פּונקט ווי זיי, די קליינע, וואָלט עפּעס געפעלט
אין צעפּרילינגטן פאַרנאַכט
ביים באַל־שפּיל אָפּקלאַפּן א וויצל,
אָדער אָפּטאָן א וואוילינגערישן שפּיצל,
אָדער לאָזן זיך אין וועט־געיעג,
אָדער גאָר צעהיצן זיך ווי יונגע פערדלאַך אין א שלאַכט
ביים מינדסטן הענט־געשלעג.

ב.

פון יאָרן אַלטע און צעקריצטע ביינקלאַך סקריפּען
איז פון אומעט ווענן כאַטש א הוידע טאָן אויף זיי,
צי געמאַכטערהייט א בלעטל איבערהיפּן,
אז געבן זאָל דער לערער א געשריי.
איז דאָס אויך א שפּיל צו ווערן גרוים,
באַרימט,
א העלד,
א ריטער פון נקמה,
וואָס די חברה פון דער אַלטער וועלט
וויל דוקא אויסקנעטן די קינדערשע נשמה
נאָכן פּורים און געשטאַלט
וואָס איר געפעלט.

ג.

וואו מען לערנט תפילות,
היברו, היטלאָך, קידוש,
און וואו א ביסל שטילער.
דאַרף מען ריידן אידיש.
נאָר ווער קען פּועלן ביי זיך ארויסריידן
א וואָרט צום חבֿרשן געלעכטער
און דערצו צעהרגענען דעם כ־ און ר־קלאַנג — ביידן
אין אן איבערזעצטער אידיש־שפּראַך א שלעכטער.
איז דאָך בעסער לאָזן פריי די צונג
אינם אייגנגעוואוינטן לשון פון דער סקול און גאַס
און זאָגן נאָר א אידיש וואָרט א מאָל צוליב א שפּאַס,
דערלאַנגענדיק דערביי מיט כיטרן אויג א וואונק.

ד.

מאמעס יום־טובדיק פארפוצטע
לויט דער לעצטער מאָדע מיט צעשמינקטן פנים ;
טאַטעס יונגע, אויסגענוצטע :
אידן פון קאפוליע, פון יעהופעץ און פון סלאָנים,
וועלן אייך ניט לאָזן מיינען,
אז זיי זיינען אייך איך וויים עפעס אבי־וועד.
איר מוזט זיי זען אין גלאנץ פון פאנציר און פון קיוועך
פון צעקרימטן ענגליש, פאווע־פעדער, צו באשיינען
זייער אויסגעוויסטן און פארתוהודיקטן לעבן
אין פאבריקן שוויים צי אין שטויב פון קראָמען.
כ׳בעט אייך, לאָזט ניט שטיין זיי דאָ פארשעמטע
גיט זיי נאָך און רופט זיי אָן ביים נאָמען.
זאָגט זיי, אז איר זעט אין זיי בחוש אינטעלעגענטן.
— איזנט סעמי לוירנינג דזשואיש וועדי גוד ? —
איבערגוואלט צעגוטמוטיקטע לערער־אויגן
מוזן גוטן ענטפער געבן :
— יע, ער איז דאָך גוט און פעאיק און אינטעלעגענט.
(דער טראָט פון זיינע אויסעגשמירטע שיך אויף ביינקלאך רוט.
ער האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן קרוק אין אידיש אויף די ווענט.)

ה.

עך, ברודער־לערער
אין די לער־אנשטאלטן אידישע אין אמעריקע !
דו, וועלכער ליגט אין האנט פון יעדן קוימענקערער,
וואָס האָט זיין דזשאָנק פארביטן אויף א באנק־ביכל א שווערינקן.
פון דיינע אויפגעקאָכטע בלוטן
און צעטרעמפּלט־אויפגערעגטע נערוון,
פון דיין הארץ־ווייטיק און קאָפּ־שמארצן
ווערן רייכע בעלי־צדקה הויך געשטעלט אין גרויסמוטן,
מאכן רייכע באלאבאָסטעס זיך פרעזערוון
מיט סאָסייטי־ארבעט אונטערלענען זייער פוסטן הארצן.
דו יורש פון אלטמאָדישן מלמד,
וואָס איז דיין געזעלשאפטלאכער ווערט ?
אָנגעוואָרפן אויפן קהל איז דיין מעמד,
פון דער קהל פּושקע אויסגעהאלטן און דערנערט,
ביסטו דער אידישיסט, דער דאָן־קיכאָט,
וואָס ציט זיין אידעאלן שווערד אנטקעגן ווינט־מיל שטיינער
צום גראָבן וויץ, כיכיקענדיקן שפּאָט
פון קרעמערישע סאנכא־פּאנטשעס קליינע.

ו.

וואָס קען דיר העלפֿן טהאָרנדייק, דזשאָן דיואי, סטענלי האָל,
די אַרבעט־שול, פּראָיעקטן צי דער פּלאַן פֿון דאַלטאָן,
אַז אין גרויסן היגן ביזנעס־מדבר לאַכט אַן עכאָ אויס דיין קול,
אַז דיין באַגייסטערונג־פֿייער ווערט געלאָשן אין חשדים קאַלטע?
וועלן קומען מר. פּידל, מיס פּיאַנע, זיידע „סאַפּער" —
ווי וועסטו העזה האָבן זיי דערצערענען?
וועסטו אויף אַלץ און אַלעמען במילא זיין מכפּר
און שלעפּן ווי עס איז דאָס טרויעריקע לערנען.
עס וועט דעם שאַרף פֿון דיינע שענסטע פּלענער ברעכן.
אַ קינדערש געניץ אָדער אַ פּאָר בליקן־פֿיילן,
אין וועלכע דוסט דערזען אַ תהום: עס רעכנט,
ווי לאַנג עס דאַרף נאָך אין דער שול פֿאַרבלייבן.

ז.

איז אַרויס דער ערשטער זייער — האָט געזייט,
איז דאָס קערנדל געפֿאַלן אויף אַ שטיין.
איז אַרויס דער צווייטער זייער — האָט געזייט,
איז דאָס קערנדל געפֿאַלן אויף אַ ביין.
איז דער דריטער זייער אַרויס אין פֿעלד —
האָט די זון איר העלן שיין פֿאַרשטעלט.
איז אַרויס אַ שפּראָץ — איז עס געוועזן פֿאַרנעלט.

אשרה-לידער

לידער פון אשרה

א.

מוטער פון תאוה,
דיר בין איך מקריב מיין לעבן,
ווען דען זאָל איך מקריב זיין מיין לעבן !
אויב ניט דיר דער לעבן־שאפרן ?
פונם בויך פון מיין מוטער האָסטו מיך געפירט,
אינם פוסטקייט פון מיין „זיין", דעם זין געשאפן,
אין דער גרויער וואָך מיר דעם יום־טוב געגעבן
צו פרייען זיך.
אין דעם קרייז פון דיינע פייער־מיידלאך
האָסטו מיך ארייגעפירט,
ארום דיין מזבח
מיין פלאַץ אָנגעצייגט.
דאן איז פון מיין הארצן דער טרויער פארשוואונדן,
אויף אייביק דער אומעט אוועק.
זייער אָרט האָט פארנומען דיין אייביקער לעבנקוואל,
וואָס ברויזט, ווי די וואסערפאלן פונם ירדן ;
זייער פלאַץ האָט פארנומען דיין בלענדיקער פריידנשטראל,
וועלכער צערטלט און ווארימט, ווי די זון פון זיו.
האָב איך מיין מויל געעפנט,
האָב איך מיין קול ניט פארשטאנען.
אנשטאט טרויער ניגונים
איז מיין נשמה געוואָרן איבערפולט מיט יובל־געזאנג
צו דיר, מוטער פון לעבן,
צו דיר, געטין פון תאוה.

ב.

בין איך אין פעלדער געגאנגען,
דורך מדבריות געוואנדערט,
אין פינצטערע וועלדער געבלאָנדזשעט ;
טאָג און נאכט אדורך די ווייטסטע לענדער אדורכגעפאָרן,
ברייטע ימען אדורכגעשפּאָלטן —
וואו ביסטו, הייליקע געטן ?
דיך געזוכט צווישן די פייער־מיידלאך פון נינוה,
וועלכע זיינען היים און גליענד,
ווי די שטראלן פון תמוז ;
צווישן די טעמפּל־מיידלאך פון ירושלים,
וועמעס קערפּערס ווי לבנה־שטראלן
זיינען צויבערנד און קילנד ;
צווישן די כהנטעס פון ווענוס, אפראדיטע אין יון,
וועמעס גראציע און באוועגונג איז
ווי די הייליקע מוזיק פון דיינע אָרגלען.
וואו ביסטו, הייליקע געטן ?
אנטפּלעק זיך פאר דיין קנעכט,
וועלכער ליגט אין שטויב פאר דיר —
מיין נשמה איז איבערפולט מיט בייגקען.
אנטפּלעק זיך פאר דיין קנעכט,
וועלכער גארט נאָר איינמאָל דיין כבוד אָנבליקן.
ווען אפילו אין קעניגרייך פון הד וואָלט איך דיך טרעפן,
אהין וואָלט איך געגאנגען.
אפילו אין קעניגרייך פון הד, הינטער אלע זיבן טויערן,
פון אונטער וועלכע קיין לעבעדיקער וועזן
קערט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריק.
וואו ביסטו, הייליקע געטן ?
אנטפּלעק זיך !

ג.

זיינע פיס זיינען געווען צעביילט און צעבלוטיקט
פונם לאנגן גיין איבערן מדבר ;
זיינע אויגן האָבן געברענט,
ווי די אויגן פון שאקאלן אין הארבסטיקע נעכט ;
זיין גוף האָט זיך באוועגט,
ווי די אָנמאכטיק־קריכנדיקע גראָז אין דער וויסטע.
בלויז אין זיין הארצן באזעצט האָט סאמום זיך —
דיין געהאָרכזאמער קנעכט.
האָט ער שאָטנס גערופן צו זיך מיט באגעריקע בליקן,
געחלומט פון קוואלן,
און צו נאכט האָט ער מתפלל געווען
זי זאָל קומען, ברייינגען אים רו,
נאָר דו האָסט די שאטנס ווייט פון אים פארטריבן,
נאָר דו האָסט די קוואלן פאר אים אויסגעטריקנט,
טאָג האָסטו באפוילן אָן אויפהער צו שיינען.
האָט ער געפּוויזעט פארחלשט נאָך רו,
און די רו איז געלאָפן פון אים.

ד.

שפּעט בײַנאַכט אין מײַן אײַנזאַמען צימער
האָב איך צו דיר גערופן —
האָסטו געהערט מײַן ציטערדיקע שטימע ?
שפּעט בײַנאַכט
האָט זיך דײַן הייליקער פלאַם אין מיר אָנגעצונדן —
האָסטו געזען זײַן שײַן ?
שפּעט בײַנאַכט האָבן מײַנע בלוטן,
ווי מאַכטיקע כוואַליעס פון ברויזיקן ים
צו דיר געשריען —
האָסטו פאַרנומען זייער רוישן ?
בין איך אַרויס פון מײַן צימער,
האָט די פײַכטע לופט פון דער נאַכט מיך אַדורכגענומען.
און די שטילקייט פון די גאַסן
האָט מיך סודותדיק געצויגן —
האָב איך אָן ציל אַרומגעוואַנדערט.
איז עס דײַן האַנט, וואָס פירט מיך
איבער שטילע גאַסן פון געהיימניספולער נאַכט ?
אימעצער האָט געגלעט מיך ווי אַ געליבטע שעפּסעלע
און געמאַכט מיך שטיל און שטילער ביז אונטערטעניקייט.
אימעצער האָט זיך אין מײַן האַרצן פאַרגנבעט,
און האָט מיך, ווי אַ קינד, באַרואיקט ;
און אַ צופרידענער און שטראַלנדיקער
האָב איך דײַן ליכט אין מאָרגנשטערן באַגעגנט.
האָסטו עס מיך באַרואיקט אין דער סודותדיקער נאַכט ?

ה.

ווי די האָר דיינע שוואַרץ
איז געווען די נאַכט
ווי דיינע אויגן —
טיף—געהיימניספול און רייצנדיק;
ווי דיין קערפּער ווייך און צאַרט
האָט זיך פאַרשפּרייט אויף מיר דער הימל,
און די שטערן־רייען האָבן געפינקלט און געצוויגן,
ווי אָדערן אויף דיין צאַרטער הויט.
און די ערד איז געווען שטייף נאָכגעביק,
ווי דיינע יונגע בריסטן;
און ווי די סאַמעט פון דיין לייב,
איז אונטער מיר געווען דאָס גראָז.
האָבן ביימער שטאָלצע קעפּ גענויגט איינס צום צווייטן
און מיט יראה דערציילט דיינע וואונדער.
האָבן גראָזן און בלומען געשאָקלט זיך שטיל,
געשעפּטשעט דיר טויזנטער לויבן.
בין איך מיר שטיל, שטיל געלעגן,
אין זיך געזאַפּט דעם סוד פון דיין לייב,
און געזונגען האָט מיין בלוט הללויה.

ז.

דו האָסט געלאכט . . .
האָבן ווינטן דיין כאַ־כאַ אויפגעכאַפּט
און צעפּויקט עס איבער גאָר דער וועלט.
האָט די קליינע ווינטער זון אין איר גאַנצער גרויס
זיך אויפן הימל ארויסגעשפּארט
און האָט צעשיקט אירע יונגע שטראַלן
דיר א מתּנה ברייִנגען.
האָבן ביימער אָנגעפאנגען זיך
אין קאָלירן פּוצן
ווי אַלטע צו א יונגער כּלהס טריט ;
האָבן כוואַליעס זייער אייז געבראָכן,
מיטאַמאָל באפרייט זיך
און געקרימט איז זייער רוישן דיין געלעכטער־קלאַנג ;
זיינען פייגל זיך פון אַלע עקן־וועלט צענויפגעפלויגן
און אין טויזנטער שטימען גרויס געמאכט דיין נאָמען ;
און מענטשן האָבן פייערן געמאַכט ;
און אונטער דיינע הייליקע ביימער
און אויף בערג, און במות
האָבן זיי די ליבע־לאַווע געזופּט און געשכּורט.
דו האָסט געלאכט . . .

ז.

דיינע פייער־מיידלאך, יונג און שיין,
האָבן ארום דיר געטאנצט דעם
ריטם פון דער וועלט.
שטיל איז געווען זייער גאנג,
און ווי זאנגען, ווי פולע אין זומער־פארנאכט,
האָבן די הייליקע טיילן פון זייערע קערפערס
צו דיר זיך געשאָקלט אין תפלה.
דאן איז דיין בליק ווי א פייער־שטראָם
געפאלן אין הייליקן טאנצנדיקן ראָד.
האָט יעדערע פון אונטער אירע קליידער
איר הייליקן מעסער געצויגן,
דאָס הייליקע דינסט־קלייד אויף שטיקער צעשניטן,
צו דיר אויפן אלטאר געוואָרפן.
ביז נאקעטע, היילע געבליבן זיי זיינען,
ווי קינדער פון טראכט ערשט געבאָרן.
זיי האָבן געדרייט זיך ארום און ארום דיין הייליקן פייער
מיט ווילדן פארשכורטן לויפן,
ווי דורות נאָך דורות אין צייט־שטראָם.
זיי האָבן מיט מעסער די לייבער געשטאָכן,
און דיר אויפן אלטער דעם בלוט־וויין געגאָסן.
און דער ריח פון זייערע לייבער
געווען איז ווי ווייערויך אין הייליקן טעמפל.
און דו האָסט געשמייכלט צופרידן פון הייליקן קרבן.

ח.

גיט מיר ווײַן און זינגט מיר לידער,
צינדט מיר אַלע לאָמפּן אָנעט:
פֿאַר אשרה, געטן פֿון ליבע,
פֿאַר אשרה, געטן פֿון לעבן,
פֿאַר אשרה, געטן פֿון תּאווה,
איז אַ יום־טובֿ אונדז געגעבן.
אַלע טעכטער פֿון אשרה,
זײַט געגריסט אין טאָג פֿון יום־טובֿ!
זאָל די שענסטע פֿון אײַך קומען
מיט מיר נאַכט פֿון ליבע טײלן!
פֿרוכט און זיסקייט פֿול מײַן טיש איז,
ווײַנען אַלטע אין באַקאַלן,
יעדער טראָפּן פֿון די ווײַנען
קילט און רײצט דאָס בלוט דאָס יונגע.
כ'האָב אַ בעט געשטעלט אין גאָרטן,
איז דאָס בעט געמאַכט פֿון בלומען.
יעדע בלום איז מיט איר ריח:
שכורט, רײצט די יונגע בלוטן.
פֿרײע טעכטער פֿון אשרה,
זײַט געגריסט אין טאָג פֿון יום־טובֿ!
זאָל די שענסטע פֿון אײַך קומען
מיט מיר נאַכט פֿון ליבע טײלן!

ט.

בוי ניט קיין הויז, מיין פריינט,
אין א ווינקל ניט באהאלט זיך.
פרייע פייגל בויען נעסטן,
זיצן וואכן נאָר אויףביימער.
קומט דער הארבסט — צעפליען פייגל,
בלייבן נעסטן פוסט און ליידיק.
בוי ניט קיין הויז, מיין פריינט.
כל זמן ס'רוישט דאָס הארץ, דאָס ווילדע,
כל זמן ס'ברויזן יונגע בלוטן,
זאָל דער וויין נאָך מאכן גרעסער,
שטארקער זידן ווילדע שטראָמען.
ווארום זאָלסטו זיך פארצאמען
אינם שמאָלן הויז און צימער,
ווען א וועלט פאר דיר שטייט נאקעט,
בעט זיך, נעם פון מיר פארזוך ?
איז דיר ווינציק אין די טעמפּלען
פון אשרה יונגע רויזן ?
אָדער איז אוועק דער ריח
פול מיט בשמים און מיט ווייררויך
פון די הייסע זונען-קערפּער
בא דער געטנס פייער-מיידלאך ?
בוי ניט קיין הויז, מיין פריינט !
ווער עס בויט א הויז זיך אויסעט,
בויט א קבר זיך ביים לעבן.
שמאָל און איינג איז אין די הייזער,
ווי דער ווילן פון די שכנים.

זיצן מענטשן בא א פייער
מיט א פראָסט אין זייער הארצן,
און אין טעמפּל פון אשרה
קומען זייערע פּים גאָר זעלטן.
בוי ניט קיין הויז, מיין פריינט!

י.

הייליקע געטן!
זיבן מאָל זיבן בין איך דיר דאנקבאר
פאר די רויטע פּאסן פון מיין בלוט, וואָס שטראָמען,
ווי די כוואליעס פונם ירדן איבער ברעגן בערגיקע,
ווי די וואסערן, די זודיקע פון טבריה.
דיינע פּיילן מאכן זיי צו זידן,
דיינע בליקן גיפטיקער און סמיקער פון פּיילן.
מיין הארץ אין מיר צעשפּרינגט פון פרייד צו דיר,
מיין הארץ אין מיר צעגייט אין דאנק־געזאנג צו דיר.
ריים מיין הארץ פון ברוסט ארויס,
כל זמן ס׳זינגט צו דיר זיין לויב
ריים מיין הארץ פון ברוסט ארויס און
ווארף עס אין מזבח־פייער.
ווארום ווי נאָך קען איך אויסדריקן מיין דאנק צו דיר,
הייליקע געטן!

יא.

איך בין געווען היינט אין היכל, אשרה,
וואָס די פאַלשע נביאים האָבן פאַר זייער גאָט אויסגעבויט.
זיינען דאָרט בלויז אַלטע געווען
אַלטע, אויסגעדאַרטע,
פון וועלכע דו האָסט דעם לעבנספונק
און לעבנסלוסט צוגענומען.
איז דער היכל געווען,
ווי אַ ביינקל אונטער דיינע הייליקע פיס ;
די נביאים, ווי הינטלאַך,
און די אַלטע,
וואָס הערן טויב די פאַלשע־רייד פון זייערע נביאים,
ווי אָפּגעוואָרפענע ברעקלאַך
פון דיין געטלאַכן מאַלצייט זיינען זיי געווען.
האָט דער עלצטער פּריסט און נביא אויסגעשריען :
„וויי איז אונדז,
דען אַלעס, וואָס בליט פאַרוועלקט און ווערט פאַרלאָרן ;
אַלעס, וואָס לעבט, איז
צו שפּייזן דעם אייביקן הונגער פון טויט.
היט זיך פון זינד, וואָס לויערט אויף אייך,
ווייל זינד פאַרשנעלערט אייער לעבנס סוף!“
און די גרויע קעפּ זיינען צו דער ערד געפאַלן
און אין הארצן זיך „על חטא“ געשלאָגן.
איז מיך אָן אימה באַפאַלן.
פלוצלונג ביסטו פאַר מיך דערשינען
אין דיין פראַכטפולער הייליקייט,
האָב איך זיך צעלאַכט.

יב.

און די אַלטע און קלוגע האָבן מיך באַגעגנט
און געזאָגט צו מיר אַזוי:
„ביז וואַנען וועסטו אַרומגיין און גרויסמאַכן
דיין געטין אשרה, אומגליקלאַכער נביא!
אשרה צינדט פייער אין הארצן אום דיך צו פאַרברענען,
אשרה צעברויזט דיינע בלוטן
אום דיך אין זייער שוים צו דערטרינקען;
אשרה גיט דיר אַ יוגנט, אַ קורצע,
אום דיך פון איר טעמפּל אין טאָג פון דיין אַלטקייט פאַרטרייבן;
אשרה פאַרבלענדט דיך מיט לוסט און מיט קערפּער
אום דיך מיט די פיס צו צעטרעטן."
האָב איך זיי געענטפערט און האָב זיי געזאָגט:
„קורץ איז דאָס לעבן, ווי אַשפּאַן אָן אָן עבר, אָן אָן עתיד
שווינדט דאָס לעבן און פאַרשווינדט, ווי אַ וואָלקנדל אין פרילינג —
פרעסט פון לעבן, כל זמן צייגער
גלאַנצן נאָך מיט מילכן־ווייסקייט.
וואָרום זאָלט איר אומגיין שרעקן
קליינע קינדער מיטן טויט?
וואָרום לאָזט איר ניט דעם לעבן
פריי זיך שיינקען דעם וואָס לעבט?
וואָס פאַרוואַנדלט איר דאָס לעבן
אין אַ פירהויז פאַרן טויט?
גייט אין פריד, מאַכט גרויס דעם נאָמען
פון אשרה, געטין פון לעבן!"

יג.

און צו די פאַלשע נביאים זאָלסטו זאָגן אזוי:
„ביז וואנען וועט איר פארבלענדן
די אויגן פון די ניט־זעענדיקע,
פארשטאָפּן די אויערן פון די ניט־הערנדיקע
צו פאנגען אומשולדיקע מענטשן?
איר האָט טעמפּלען געבויט פון דימענטן
און פון גאָלד, און פון זילבער, און פון קופּער
אייערע מזבחות האָט איר אויסגעפורעמט;
און אָרגלען, און פידלען, און פייפלען פון אלערליי טענער
אין אייערע טעמפּלען האָט איר אריינגעשטעלט.
און אייער גאָט האָט איר אין פינצטערן קדשי־קדשים פארשפּארט,
וואו קיין מענטשלאכע פוס קען ניט אריינקומען.
ווי, ביז וואנען וועט איר נאָך ציען פונם קדשי־קדשים
אייער שווארצן מאנטל אריבערן לעבעדיקן לעבן?
ווי, ווי לאנג וועט איר נאָך ריידן
פון זינד און פון שאנד, און פון טויט?
ווי, ווי לאנג וועט איר טויטן די יוגנט
צוליבן קאלטן קברים־גרילץ פון אלטקייט און שימל?

יד.

הייליקע אשרה !
געטן פון ליכט און פון ליבע, פון פּרוכטבאַרקייט און לעבן !
זיי האָבן מיט דיר מלחמה געהאַלטן,
די אַלטע און פאַלשע,
און האָבן דיך ניט געקענט בייקומען.
זיי האָבן דיינע מזבחות צעשטויסן,
דיינע הייליקע ביימער אויסגעהאַקט,
דיינע פייער־קדשות אין תפיסות פאַרשפּאַרט,
דיינע כהנים מיט דער שטויב פון דער ערד געמאַכט.
און זייער אַלטן גאָט,
וועלכן קיינער זעט ניט און קיינער הערט ניט,
האָבן זיי דעם איינציקן הערשער אין דער וועלט געקרוינט.
האָט א טויטער, שוואַרצער שווייגן־מאַנטל
זיך אויף דער ערד פאַרשפּרייט.
און ביינאַכט,
ווען דער פּחד, דיין פּחד, איז אויף זיי אָנגעפאַלן,
זיינען זיי ווי פלעדערמייז
מיט שטילע גנבישע טריט צו דיר געקומען,
געקליבן ווי קמצנים
שטיקלאַך הייליקייט פון דיינע בילדער,
אין חדרים ווייטסטע זיך מיט דעם פאַרקליבן
און געדינט דיר דאָרטן ווי קבצנים אַלטע.

יח.

ווי צו די זאטע ! — אזוי האָט אשרה געזאָגט —
ווי צו די שטילע,
וועמעס נעכטן איז ווי היינט,
וועמעס מאָרגן איז ווי נעכטן —
אזוי האָט אשרה געזאָגט —
ווי צו די רואיקע,
וואָס שמייכלען צופרידן און רופן זיך „מיר" —
אזוי האָט אשרה געזאָגט.
דען איך שווער מיט זיך, דער געטן פון לעבן,
אז נאָענט איז דער טאָג פון זייער בראָך.
אין יענעם טאָג וועל איך ארויסלאָזן
זון פון איר שיידל
און צעברענען די קישנס פון ווייכקייט און פוך.
און מיין קנעכט, סאמום וועל איך באפוילן,
וועט ער צעשטערן שטילקייט
און וועט פארטרייבן רו.
אין יענעם טאָג וועלן בלייבן נאָר
הונגער־וואנדערער אויף וועגן פארגעסענע
זוכן מיך, רופן מיין נאָמען
מיט ציטריקן דורשטיקן קול.
און וועלדער, און פעלדער, מדבריות
וועלן פול ווערן מיטן געוויש פון מענטשנקינד,
וועלכער וועט פארשמאכטערהייט ארומבלאָנדזשען,
זוכנדיק די געטן פון לעבן.
דאן וועל איך אין יעדן הארץ א פונק
פון מיין פייער אריינגעבן ;

ווען ער ברענען דאָרט און ניט אויפהערן ;
און די ערד וועט מיט אַ שטורמדיקן
ליבע־ים פארפלייצט ווערן,
און די כוואליעס פונם ים
וועלן אייביק מיר רוישן און זינגען
דאָס ליד פון באוועגונג און פלאַם.

יו.

אין יענעם טאָג וועט דער ווינטער
אויף אייביק פארשווינדן,
און קיין שניי, און קיין פראָסט, און קיין אייז
וועט ניט זיין מער.
און די זון וועט ארויס אַ שטראלנדיקע
פון אונטער די שווערע וואָלקנס
און שיינען אויף גאָר דער וועלט.
און אויף יעדן בארג און היגל
וועלן רויזן און קווייטן ליגן אויסגעשפרייט.
און קיין מענטש וועט ניט אדורכגיין און זאָגן :
— קוק, אזא היילער טרוקענער שטיין ליגט אָט דאָ !
וועט דער מדבר באדעקן מיט גראָז זיך,
מיט בלומען בונט־קאָלירטע וועט זיך וויסטע באפוצן,
יעדער אָרט, וואו קיין מענטשלאכע פוס האָט ניט באטראָטן.
און די טאָלן וועלן פול זיין מיט זאנגען,
און גערטענער מיט אלערליי פרות.
ווייל קומען וועט דער גרויסער טאָג
פון פרוכטבארקייט אויף גאָר דער וועלט.

דאַן וועט די אַלטקייט אויף אייביק פֿאַרשווינדן,
און אייביקע יוגנט וועט הערשן אויף ערד.
און די ליבע וועט פֿון טויט באַפֿרייט ווערן
און וועט צעגיסן זיך ווי אַ ים די ברייט.
דאַן וועט די זינד אויף אייביק פֿאַרשווינדן,
וועלן געטער אַלטע ווערן פֿאַרשעמט
און פֿאַרשוואונדן וועלן זיי ווערן,
און נאָר דיין נאָמען אַליין, הייליקע געטן
וועט ווערן געגרויסט איבער גאָר דער וועלט!“

שטאָט און טאָל

שטאָט און טאָל

א.

פּיילן רויך

פּיילן שוואַרצן רויך פון טויזנטער פאַבריקן
האָט אין בלויע הימלען אויסגעשאָסן שטאָט,
זייגען אומגעקומען ליטערס, טורעמס, בריקן,
וועלכע האָבן יאָרן לאַנג געפירט צו גאָט און גאָט.

האָט צעקלונגען זיך די לופט מיט נייעם ניגון,
האָט צעענטפערט זיך אין עכאָ שטאָט,
האָט צעטאַנצט זיך אַרום עגל פאַרגעניגן
מיט־דער־בלוט־פון־קנעכט־צעפּרעסן זאַט.

הערט זיך טריט. די משהס קומען נענטער.
שטראַלן פייער וואַרפט פון יעדנס בליק.
גליט שוין אויפן האַלדז פון יעדן צענטן
שאַרפער סימן פון אַ שטריק.

ב.

אין אָוונט.

דיין אם און קעבן, שטאָט, האָסטו אין טאָל פארוואָרפן,
דיין שענצטע קעפּסווייב און דיין לעבעדיקסטן גאָט.
אליין האָסטו צעצונדן זיך פון אונטער תאוה־פלאמען
אין צביעות־ערלאכקייט, אין אויפגעבלאָזטן זאט.

אליין מיט שמינקע אויסגעצירט דעם פּנים,
די ווערים און די קרעץ — אונטער קאנקריט,
ביסטו אין אָוונטן אנטלאָפן פון אספאלטנגאסן
און פארן אמתדיקן גאָט פון טאָל געקניט.

און וואוינער פונם טאָל, פאראכטעטע בייטאָגן,
געוואָרן זיינען דיינע כהנים אין דער נאכט
און האָבן מיט נקמה־גיפט געטראָגן
דעם גיפטנכוס צו דיר און שטילערהייט געלאכט.

געלאכט מיט גאל, ווייל אינם לויף פון צייטן
געלעגן ביסטו, שטאָט, אין הענט,
וואָס האָבן דיך אין בלוטיק הייסע שטרייטן
צעטרייסלט ביזן פונדאמענט.

ג.

וויטרינעס־גלאַנץ

דעם גלאַנץ פון דיינע מאגאזינען־פענצטער
האָסטו באצירט מיט ביליקע געשרייען
פון נייס־פארקויפערלאַך בא דיינע פענצטער,
וואָס דורכן טאָג און נאכט צעגייען זיך פארגייען
מיט טויזנט קרעמערישע קולות, ווי דער פויץ פון דיינע פענצטער.

דעם גלאַנץ פון דיינע מאגאזינען־פענצטער
געזויגן האָסטו פון פארהונגעריקטע מיידל־באַקן,
וואָס האָבן אין בייגאכטן ארום דיינע פענצטער
געלאָקט פארבייגייער מיט אָרים, אויג, מיט פוס און נאַקן,
צו קענען צירן זיך אין גלאַנץ פון דיינע פענצטער.

די טעמפּלען דיינע פילן אָן צעוואוילטאָגדיקטע דאמען
זיך רימען מיט פריזור, מיט גלאַנץ פון דיינע פענצטער,
צעצינדן זיי זיך דאָרט אין רויטע תאוה־פלאַמען
פון רייץ פון דיינע אויסגעצירטע פענצטער,
וואָס צינדן זיך און גליען אין די רייך צעמעלטע ראמען.

וויטרינעס־גלאַנץ צעשמייסט מיט שטראַלן־ריטער
די רו פון שטאָט אין האווענויש־געדראַנגען.
צעברומט זיך שטאָט ווי ברוויזיקער געוויטער,
צעוויינט זיך דורך מאשינע־וואיענדיקע קלאַנגען
אויף איבערפלוס פון אירע אויסגעזויגטע גיטער.

ד.

דער טאָל

פאַזע דער ענדע פון רייכע וויטרינעס,
סאַמע באַם ענד פון שטאָטישן רעש
שטייען אין רייען־פאַראומערטע־מינעס
קליינינקע חורבות, באַדעקטע מיט אַש.

צווישן די רויכנדע העלדזער פון באַנען,
הויפן מיט קוילן, געבראַכט פון דער ווייט,
צווישן אַ נעץ פון פאַבריקן־געשפּאַנען
וואוינען פאַרגרויטע, פאַרשטויסענע לייט.

האָט זיי די שטאָט דאָ פאַרשטויסן אין טאָלן
שאַפן איר מאָלצייט, איר פּוץ און איר גלאַנץ.
קומט זי אַליין אין אַן פאוונט אַמאָל אָן
אויסטאַנצן דאָ איר צעווילדעטן טאַנץ.

וואוינער פון טאָלן מיט גיריקע אויגן
פּוטען זיך אונטער די שטאָטישע פּיס.
הוליעט דאָ שטאָט, ביז זי פאַלט אויסגעצויגן,
הערט צו פאַרשכורט אַ ווייטן גערים:

„וויי, צו דיר, וויי, ווערסט פאַלן און קראַכן
טיף אין די פּרוכטלאָזע טאָליקע פּלאַכן,
וואו דוסט מיט אייגענער גבֿורה פאַרזייט
קערנער פון צאָרן און זריעה פון לייד.“

ה.

אויף די ראָגן

שומרטעס פון אומשולד אויף די ראָגן
ווייסע, שווארצע, ברוינע.
העי, צו וועלכע ווייסטע קלאָגן
בלאנקעסטו זיך, זונה,
דאָ ארום אין נאכט ?
זאָג נאָר, ווען מען טראכט
האלסטו נאָך פארשלאָסן
מיידלש־צניעותדיק און ריין ?
ווען מען מאן און חתן
קומט צו דיר צוגיין ?
שטילע איינגעאיבטע שפרוכן,
ביליקע פארפיום־געדוכן
דופטן מיט א מאָדנעם חן.
בלומען וועלקנדע, וואָס קלאָגן
אין דעם הארבסטיקן געוויין
אויף די ראָגן.

ו.

דער גענעץ

מיטן פארנאכטיקן פייף פון פאבריקן
שפרייט זיך דער גענעץ אין גאסן.
(טורימס גיגאנטישע שטיקן
זיך אין זוניק־הייסע שפאסן
פון די מילביק־צעעפנטע מיילער.)
טראָגט זיך גענעצס דינער שראָט,
קלאפט זיך אָפּ אָן ווענט פון שטאָט,
פאלט אין שוים פון גרויען טאָל.
לעמפלען טירן אָן א צאָל,
זינגען א נאכטיקע „יעלה“ —
גייט אוים גענעץ אין נארקאָט
און פארשווינדט פון בלויער שטאָט
אויף א ווײַלע.

ז.

דער בולוואר

ביים זייט פון טאָלן ליגט די ברייטע וועג פון אָטמאָבילן
און ווי דער אָוונט קומט נאָר, הויבט זיך אָן א בילן,
עס הויבט זיך אָן א קלאַפּן און א לויפן
ווי ס'וואָלט א כאַפּטע בייזע הינט פון פּריצים הויפן
אראָפּגעלאָזט געוואָרן פונם צעפּ צום פאנג.
א גאזן לופט, א גאז־געשטאנק
דערנערט די גרינע ביימער־רייען,
וואָס קוקן תמעוואטע פון די זייטן
אויפן ליבע־פּלאם פון יונגן בלוט,
וואָס צינדט איבערן אויסגעפּלאסטערטן מארשרוט
אין רויש פון יובלענדע געשרייען
זיין הייסן קוש, זיין טרער און לייד,
און ווי א בונטער זון־פארגאנג פארגייט
דער ליבע־פּלאם אין האָריזאָנט פון ווייטן.

ח.

שאטנס פון טאָל

1

שאָטן איבער גאס ;
צווייטער אים אנטקעגן ;
ליפּן־שעפּטש און האנט־געמאך
ווייען מיט א שפּאָט א האס
פון א דריטנס וועגן.
ביקסל־שאטן אין א האנט,
זאלבאנאנד —
טררראך !
איילן הענט... ארויף, אראָפּ ;
זוכן טאפּן קליידער —
גיכער גיכער, גיכער, גיך
איילן זיך נאָך איידער
ס׳קומט א שאטן פון א „קלאָב״
זוכן, פרעגן
איבער טאָלס געהיימע וועגן.

2

איילים לויפט א שאטן נאָך.
קערט זיך רעכטס, לינקס
ווי אין שרעק.
זיך געלאָזן אין געיעג —
ס׳מוז געראָטן דאָך !
„נואף, זויף, פרעס, טרינק,
קייקל זיך אין מיסט !
ריים ארוים דעם „פוסט און וויסט״
טאטע, מאן, געערטער הארן!״

מאָרגן פרי וועט שוין א צער
טיף אין הארצן זיצן,
„מנה תקל, פרסין" קריצן.

3

מויל צעקרימט אין פייף.
יונג. געוואגט.
האלט בא ווערן רייף.
פרי פון טאָג געפאקט.
„קום ווער דאָ געבאָרן,
דאָ אין רויטער זינד!
וועסט אין לויף פון יאָרן
איינקריצן אין קינד
שווארצע נאכט־געפארן
פונם טאָג,
און אין גלות פון צערן
וויינען שטיל: „אמאָל" . . .

ט.

א געלעכטער

מיטן זילבער פּאַס פון מזרח,
גייט אַרויף דער ערשטער קול,
ווי אַ ציטער, וועלכער איז נאָך
ניט דערטראָגן אינם טאָל.

פּאַלט ער ווי אַ הויקער־מפּיל
אויפן בושה־האָריזאָנט,
זעצט זיך אויפן העכסטן שטאַפּל,
רופט פון ווייטן און פון נאָנט —

קומט אַ דונער און צעלאַכט זיך
ווי פון קיצלדיקן סוד —
הויקערט איין זיך און פאַרטראַכט זיך
תמיד־האַוועדיקע שטאָט.

הערט אין ערשטן קול אַ בשורה
פון פאַרחתמעטן שיקזאַל;
קומט אַן עכאָ אָן אַ כמורע
און צעטראָגט אַ לאַך מיט גאַל.

י.

טאָל און שטאָט

ניט אַספאַלט, קאָנקריט און זאַמד
באַהעפטן טאָל מיט שטיינער שטאָט —
ראָזע־אומשולד האָר צעקאַמט
מיט יאָמער שילט דאָרט מענטש און גאָט.

ניט פון האָליץ געטאָקטן ראַנד
איז די מחיצה אויסגעבויט —
פרעכן קוק, געשיקטער האַנט
איז די באַשיצונג אָנפאַרטרויט.

וואַרפֿט טאָג־טעגלאָך אָן אַ צאָל
קרבנות געץ פֿון שטאָט אַרויס.
נעמט מיט פֿרייד זיי אויף דער טאָל,
פֿאַרמערט זיך אין זיין ברייט און גרויס.

און מיט שטיל הכנעה־בליק
דערגראָבט זיך טאָל צום פֿונדאַמענט,
בינדט די שטאָט מיט גראָבע שטריק
אויף ריזן־פֿיס און גבורה־הענט.

יא.

אויפֿן געלעגער

אויף דיין וואַרימען געלעגער אין דער נאַכט
ברענסטו העלע קדושה־ליכט פֿאַר מיר,
דעם געץ פֿון טאָל, וואָס האָט אין דרי דערוואַכט,
מיט אַ שעלמיש בליק אין ראָג פֿון גאַס געווירט.

וואַקכאַנאַליעס ברויזנדיקע שפּילן בלוטן
אין דיין אויסגעחלומטן באַגער,
אומצוקערן זיך צו די מיליאָנען דורות־ברוטן,
וועלכע רייסן זיך דורך דיר צום ווידערגעבער.

ניט געבוירן וועסטו דאָך די ברוטן־דורות —
ווייל אויסגעדאַרט ביסטו פֿון לעבנזאַפֿט :
דיינע הייליקסטע געלוסטן זיינען נאָר עברות,
און חלומות פּוסטע האָבן ניט קיין האַפֿט.

ניט די קדושה־ליכט באַווייליק איך צום קרבן,
דיך אַליין אין נאַקעטקייט פֿון ברוט.
אויסטאָן דיך פֿון חכמה־מאַנטל, וואָס דערוואָרבן
האָסטו זיך אין משך פֿון דיין צביעותן מאַרשרוט.

יב.

מיר

מיר זיינען בלייבע פּרוכט פון ווייטאָגדיקע טראַכטן,
אַרויסגעוואָרפן אין דער וועלט דורך בייטשן שרעק.
אין אונדז האָט די געהיימע זינד געלאָזן אירם אַ פלעק,
געשטעמפּלט אונדז מיט בראַנד פון אויסגעברענטע נאַכטן.

און זינדיק וועט אויך אויפלייכטן פאַר אונדז דאָס גרויע לעבן.
מיר וועלן מיט הנאה שטשירען אונדזערע צעקרימטע ציין,
ווען ס'וועט אין פלאַמען אונטערגיין, וואָס ס'איז געזונט און שיין,
און מיר וועלן מיט פרייד עס פירן צום באַגרעבן.

דאַן וועלן מיר אויף קברים זיך אליין צעשפּיזן,
און אונדזער בלוט באַפייכטן וועט די ערד.
— פון אונדזער בלוט אַ נס אַ גרויסן איז באַשערט
צו ברייננגן אין דער וועלט אַ נייעם דור פון ריזן.

יג.

אין גלוסטן פון פייערן

מיר וועלן אין גלוסטן פון פייערן
אויסברענען שימל און זינד.
פון אָרימע שטרויענע שייערן
פלאם וועט צעטראָגן דער ווינט.

אין פלאמען פון צער זיך לייטערן
וועט א פארגייענדע וועלט.
פארבלייבן אין שטח אין ווייטערן
וועט נאָר אן אָרים געצעלט.

פון דאָרטן אויף חורבות וועט אויפבליען
יונגע גיגאנטן א דור.
אין הימלען אין ווייטע ארויפציען
בריינגען דעם חלום אין וואָר.

אויף אונדזערע רוקנס אדורכפאָרן
מוז איצט די נייערע צייט.
וואויל, ווער אין שטורים פון גרימצאָרן
זעט כאָטש א ליכט פונדערווייט.

פון אַמאָל און פון איצט

אמאָל און איצט

א.

אדם און חוה.

מיר זיינען די זעלביקע אדם און חוה
פון אלטע פאנטאסטישע מעשות.
מיר זיצן אין עדן בא טרוימיקע טייכן,
וואָס פליסן אין לענדער פון גאָלד, וועלכער ווייס איז.

די ביימער בא ברעגן זיך קושן די קעפּלאך ;
אחוץ עץ החיים, אחוץ עץ הדעת.
דער ערשטער שיינט פאספאריש נאָר אויף בית־עלמינס,
דער צווייטער טראָגט טויט אין למדנישן שפּאס.

מיר וועלן נאָך העמדלאך פון פעל זיך ניט יאָגן,
און פייג־בלעטער מעגן זיך פוצן אין בליט.
ס'איז גוט אונדז זיין פשוטע אדם און חוה,
און זיין אלוהימען ווילן מיר ניט.

ב.

זינד

און אז מענטשן וועלן פרעגן ?
זאָג זיי גאָרנישט.
שטילערהייט גענאשט פון עפּל,
וואָס מען טאָר נישט.

האָבן מיר דערזען זיך נאַקעט
און פאַרשעמט זיך,
האָט דאָס האַרץ איר פרייד פאַרלאָרן
און פאַרקלעמט זיך.

שוואַרץ פאַרשלייערט זיך דער הימל :
קומט געוויטער.
הער איך גאָטס א שטימע רופן
דורך מיין ציטער.

שפּרייט זיך אויס אין יונגן האַרצן
שטילער טרויער.
לאַכט דער טויט פאַרביסן־היל־כיס
אין מיין אויער.

ג.

אויפן בארג נבו.

וואָלט איך וועלן זיין ווי די שאקאלן,
וואָס אין דער ווייט ווי גרויע שטיינדלאך פאלן
דאָרט . . . דאָרט . . . פון הויכע בערג ארונטער;
א שטויב פון יענעם געלן זאמד, וואָס פינקלט צונטער
פון א גליענדיקן אייזן אונטער האמער־קלעפּ;
א טראָפּן טוי באדעקן שטאָלצע טייטל־קעפּ
אין זוניקן פרימאָרגן.
מיין אויג, מיין אויג, קיין בויג פון דיר פארבאָרגן
פון יענעם אָרט, וואָס איז געווען מיין סוד פון זיין.
מיין זיסער טרוים, בארויש ווי אלטער וויין
מיט גרויען שוים דעם טרוימערס לעצטע שעה.
צום לעצטן מאָל געקראַקעט האָט די שווארצע קראָ.
וועל איך זיך שטארקער איינוויקלען אין דיר, מיין טרוים,
און זינקען זינגענדיק אין שווארצן טויטן־תהום.

ד.
נביאים

1

ישעיהו

אייער רויב און אייער אומרעכט,
אייער שפּאָט און אייער שאנד
האָבן מיר מיין הארץ פארוואונדעט,
ברענט אין מיר א העליש בראנד.

גאָט האָט מיך געשיקט אייך זאָגן :
„קערט זיך אום פון שלעכטן וועג,
דען עס קומט א טאָג פון חשבון
און עס נאָנט א טאָג פון שרעק!“

איז דאָס הארץ אייך פעט פארשוואומען ;
בלינד און טויב זייט איר ווי ווענט.
און דער בראנד אין הארץ פון נביא
ברענט און ברענט.

2

ירמיהו

זיין פארשאָלטן זאָל דער טאָג פון
מיין געבאָרן !
אָנזאָגער פון מיין געבורט
טרעפן זאָל דער צאָרן !

כ'בין א מאן פון קריג פאר יעדן
שפּיז און פייל — מיין וואָרט.
האָט מיין ווייטאָקדיקעס לעבן
פרייד פון מיר געשפּאָרט.

וואָלט איך וועלן רואיק בלייבן,
שוויינן אומגעשטערט,
ברענט גאָטס וואָרט אין מיינע בלוטן,
שניידט מיך ווי א שארפעס שווערד.

3

יחזקאל

„מענטשנקינד! איך שיק דיך צו מיין פֿאָלק !
ווי א לאווע זאָלן דיינע ווערטער פֿליסן !
וועט עס הערן דיך, ניט הערן
זאָל עס וויסן,
אז עס איז געווען א נביא,
האָט געשטראָפֿט,
און אז גאָט האָט אויף דער תשובה
לאנג געהאָפֿט.
מענטשנקינד, ניט זיי קיין עקשן
ווי מיין פֿאָלק! פֿארנעם מיין זאָג!"

און א האנט האָט מיר געגעבן
א מגילה פֿול מיט קלאָג.

4

עמוס

ניט קיין נביא בין איך,
ניט קיין נביאס קינד,
נאָר א שעפֿסן היטער
אין א שטאל פֿון רינד.

אָבער אייער וואוילגיין
אויפֿן אביונס געלט
וועט צעשטערן, זאָג איך,
אייער פֿראכט־געצעלט.

און ס'וועט פֿון אייך בלייבן
איינער נאָר פֿון צען,
דורות לאנג דערציילן,
וואָס מיט אייך געשען.

ה.

דער בריונים קאמף

(דער רוסישער רעוואָלוציע)

1

ווי מאַכטיקע כוואַליעס פון ים האָט זיך צער און צאָרן געפלאָכטן,
ווי זיילן פון שטויב דורך דער האנט פון סאַמום אויפגעשטעלטע
און האָבן פאַרפלייצט גאנץ יהודה און גליל — ביז ירושלים דערגרייכט.
ווי שטענדיק האָט מען פאַר דעם כבוד פון רוים נאָך אין מקדש
קרבנות געשאָכטן,
ווי שטענדיק פאַרפולטע געוועזן זיינען געטנס געצעלטן
מיט מחנות פון בירגער פון רייכע אין ארגיעס ווילד ביז די נאכט
האָט געבלייכט.

די פעלדער פון אָרימן פאָלק האָבן ברייט הינטער שטעט זיך געצויגן,
פאַרדאַרטע מיט שיטערע זאַנגען, פון וועלכע געשלעפּט האָט מען מעשר
פאַר אלערליי פּריצים און שררות און פאַר די חילות פון פיינט.
און נויט האָט די בלוט די געזונטע פון אָרימן פויער געזויגן,
זיין פּנים פון זון רויט־באַפאַרבטער געוואָרן איז ווייסער,
אין ליכטיקע תמימותע אויגן האָט יאוש און ראַכע געשיינט.

און ווייט פון די שטעט, פון די דערפער, אין מדבר, אוועק ווייט פון וועג,
פאַרשטעלטע דורך זאַמדיקע בערגלאַך, געוועזן זיינען היילן צעשפּרייט,
אהין, צו די היילן, געצויגן זיך האָבן די אויגן מיט צער,
נאכט איין און נאכט אויס זיך געצויגן אהין שטילע שאטנס מיט פּעק,
פּעק מעסער און שווערדן, און גיפטיקן גאַל איבער מדבר צעזייט,
און האָבן דורך פינצטערע נעכט זיך געגרייט צו דעם טאָג פון געפאַר

פון היילן, דורך אונטער דער ערד אין געהיים איז דער רוף אָנגעקומען,
צוערשט ווי א ווינטל א שטילס, אַן אָנזאָג. עס קומט אָן דער שטורים,
דערנאָך ווי א בליץ, וואָס געעפנט האָט אויגן, פאַרבלענדטע פון צער—

און הענט אָפּגעלאָזטע זיך האָבן אין פּויסטן פּאַרוואַנדלען גענומען,
אַזש ציטער און שרעק זיך באַזעצט האָט אין זאַלן פון פּריצישע טורימס,
און קנעכט אומבאַהאָלפענע האָבן דערוואַכט קעגן האַר.

2

וואו זיינען די אַקערער יונגע מיט זייער געזאַנג אינם זומער נאָכמיטאָג?
וואו זיינען די שניטער די שטאָלצע מיט זייער געזונטן געלעכטער?
וואו זיינען די פריילאַכע טענץ אין די ווענדלאַך ביים מטה פון יעדערן
מי־טאָג?
וואו זיינען די צנועדיק שטילע גלילם חן־באַשאָנקענע טעכטער?

ניט זוכט זיי אין דערפער אין שטילע, ניט זוכט אויך די דערפלאַך אליין,
איר וועט ניט געפינען. נאָר עטלאַכע חורבות דאָרט שטיין,
און טרעפן דאָרט וועט איר היענעס מיט ווייסע בלוטדורשטיקע ציין,
און הערן ביינאַכט די שאַקאַלן אין ווילדע יללות פאַרגיין.

ניט זוכט זיי אין וועלדער, וואו שאָטן באַצירט האָט זיין הערשאַפט
מיט פּראַכט,
ניט זוכט אויך די וועלדלאַך אליין, אין וואונדער־חלומות פאַרטראַכט.
איר וועט דאָרט געפינען נאָר מדבר, וואָס טויג ניט צום זייען, צום פּאַכט,
אין מדבר נאָר קערפּער צעפּוילטע: סימנים פון שרעקלאַכן שלאַכט.

איר גייט צו די שטעט, צו די גרויסע באַלאַגערט פון שונא אַרום
און גנבעט זיך שטיל אין דער נאַכט מיט אַ שטומן און לעבלאָזן טראָט,
און קומט דורך דעם מויער אַריין, דורך דעם מויער אַריין אין
דער שטאָט,
וואו מענטשן, פאַרחלשט פון הונגער און דורשט, אין די הויפן זיך
וואַלגערן אום
וואו דער הונגער דער ווילדער פאַרצוקט אומרחמנותדיק עופהלאַך
קליינע אין וויג,
וואו דער טויט לאַכט זיין ווילדן געלאַך, טריאומפירט איבער לעבן
זיין זיג.

3

. . . און דאָרט בא דער שטיינערנער וואנט, בא דער פעסטונג און ארום דעם טויער
קוק זיך איין אין די שאטנס די דארע און לאנגע, קוק זיך איין און דערקען.
צי האָבן דאָס אוונטן שטילע פארבלאָנדזשעט אהער פון מלוכה פון טרויער ?
צי געקומען ארונטער איז אומעט די קינדער די אָרימע זען ?
און נעם פון דיין לאָגל ארוים נאָר א טראָפּן: א דורשטיקע צונג צו דערקוויקן
און נעם פון דיין טאָרבע ארוים, וואָס דו האָסט, אויף א ווײַלע דעם הונגער צו שטילן,
און זאָג זיי, אז שוואך איז דער פיינט, כאָטש דו אליין ווייסט, אז ס'אי'ליגן ;
נאָר זאָג זיי אזוי און דערקוויק זייער הארץ אין א רגע פון צער פון שטילן.

דאָך אויסגעהיט זאָלסטו נאָר ווערן פון שלום זיי איצט צו דערמאָנען,
דאָך אויסגעהיט זאָלסטו נאָר ווערן צו געבן פון פרידן א טראכט.
עס פלאטערן שטאָלץ נאָך אויף הייזעלאך־חורבות די פאָנען,
באגאָסן פון ליבלאכן שיין פון דער מלכה פון נאכט.
און פאָנען ווי גיפטיקער שפּיז דרינגען טיף אינם הארצן אריין :
עס איז בעסער צו שטארבן ווי ריזן, איידער שקלאפן פון רומא צו זיין.

4

די ערשט און צווייטע וואנט זיינען געפאלן.
עס קלאפן באראנעס שוין אין לעצטער וואנט.
עס שטייט נאך די קלייניגקע מחנה בריונים
מיט פיילן און שווערדן, מיט שטיינער אין האנט.

שוין וואכן נאך וואכן קיין מאלצייט געגעסן.
דער הונגער פרעסט טיף, נאר עס ציטערט דאס הארץ:
„דער שונא איז נאענט. דער קאמף איז פארלארן.
דאס פאלק בלייבט א שקלאף א צעקלאפט־אפגענארטס."

עס קלייבט זיך צוזאמען דער ראט פון גבורים:
„וואס איז נאך געבליבן אונדז ווייטער צו טאן?"
עס הערן זיך שטימען: „שליסט שלום! שליסט שלום!
און שטעלט ניט איין ס'לעצטע אין בלוטיקן קאן!"

דאך ווערן די קולות פון שלום פארשעמטע:
אויף זיי קוקן אום זיך בריונים מיט שפאט.
עס שוועבן אין אויגן אום פייערלאך בייזע,
די בליקן מיט שנאה, פאראכטונג באדראט.

„שוין בעסער דער טויט. שטעלט זיך אלע אין רייען.
פון שטאלענע שווערדן זאל בלאנקען דער שיין.
אויב שטארבן — איז שטארבן ווי פרייע בריונים,
נאר קיינמאל ניט שקלאפן פון רומא צו זיין!"

די וואנט שוין די לעצטע צעקלאפט און צעשמעטערט.
דער נאכט־הימל צינדט זיך אין פייערן רויט.
אין הייל נעבן מויער די מחנה בריונים
ליגט שטיל א באפרייטע אין אייביקן טויט.

1920

פארעסיע

(זכרונות)

פאלעסיע

(א. רייזענען. צום 50־יאָריקן יובל)

א.

דיין ברייטער שליאַך צעווישן ווייסינקע בעריאָזקעס נעלמט אין דעם
טונקל־בלוי פון וואלד;
צעשווארצן זיך פון וואלד־אַאַז צום צווייטן שטעטלאַך אידישע פּיל־
דורותדיקע, אלט,
נעגלעט פון הימלען בלייענע די שטרוי־דעכלאַך אין גרויען האַרבסטיקן
געוויין.
אין געסלאַך בלאָטיקע שטייט הויז נאָך הויז, ווי באָביצעס מיט קרומען
רוקנביין.
צוויי שוועסטער, זאָרג און נויט, שפּאַצירן ברייט פון וואַרשטאַט ביזן
חדר, ביזן שול און מאַרק.
ווערט יעדנס קאָפּ אראָפּגעלאָזט און פּלייצעס אונטעריאָכיקע צעקרימען
זיך אין באַרג.
נאָר קינדערלאַך שוואַרצאויגיקע פאַרקריכן הויך אויף ביימער־העט־
און איבער שטרויען דאַך
און קוקן נאָך די פייגעלאַך, וואָס לאָזן זיך אהינטער וואלד אויף
הימלס גרויען שליאַך.

ב.

האָבן אידישע שטעט פון פּאַלעסיע
געלאָזן זיך ווייט אין דער וועלט ;
אין ווייטסטע מקומות און לענדער
פאַרפלעקלט א נייעם געצעלט.

נאָך די פייגל פון הארבסטיקן שטעטל
מיט הארבסטיקן שווערן געמיט ;
און צעקלונגען אין אלע פיר עקן
דאָס אידישע הארבסטיקע ליד.

ג.

עך, פּאַלעסיע, מיין פּאַלעסיע! עס איז איצט דיר ערשט באשערט,
אז אידיש אקער־שוויים זאָל אָנזאַפּן דיין ערד,
אז אידיש קאָסע זאָל דיין חלל אָנפילן מיט קלאַנג —
צעקלינגען זיך מיט נייעם טאָן אין מוטיקן געזאַנג.

ווען מארק און קראָם און אויסגעקרימטע פּלייצע
אוועקגעלאָזן האָבן זיך אין דערפער זייען קאָרן, ווייצן,
איז דאָך קיין וואונדער ניט, אז ס'אָטעמט פריש און גרין
דאָס נייע ערדנליד פון האמעליער לעווין.

איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס סאמעטענע טענער
צעזינגען זיך אין יעדער ברוסט! אז אפילו יענע,
וואָס האָבן מיטן חשונגום פון בלאָטעס טיף געגעבן זיך א הויב,
דערמאָנען אויך דיין נאָמען, און אין ביינקשאפט זינגען דיר א לויב.

ד.

מיין שטעטל

צווישן ווייץ און קאָרן פעלדער,
צווישן שווארצן דיקן וואלד,
צווישן דניעפּערס בלויע כוואליעס —
ליגט מיין שטעטל — דורות־אלט.

וואקסן דאָרטן אוים בחורים
דאר און קוואר — א בלאָז פון ווינט:
ס'האָבן דניעפּ' פארכאפּט רוסאלקעס,
און דעם וואלד — די שקצימס הינט.

וואקסן מיידלאך. אויגן נאכטן,
ווי רוסאלקעס פונם דניעפּ',
ווי די וועלדער פון פּאלעסיע —
דיקע שווארצע בשמים־צעפּ.

וועט מיט יאָרן זיין שידוכים.
וואקסן דאָרטן דור נאָך דור.
אזוי לעבט מען אין מיין שטעטל
ווער ווייס שוין מכמה יאָר.

ה.

פרימאָרגן אין שטעטל

קושט זיך הימל מיטן דניעפּער,
בלייכט זיך אויס פאַרטאָג א ברעג.
אויפן פּערלדיקן וועג
טרעט אן ערשט־דערוואכטער שלעפּער.

טרעלן שברים נאכטיגאַלן.
מזרח בליט אין פּורפּור־קראַנץ.
טאַנצט א יונג זיין ליבע־טאַנץ
אויס אין דרעמלענדע קוואַרטאַלן.

יאָגעניש און זשמורקעס שפּילן
צווישען וואלד און ערשטן שטראַל.
רייסט זיך מו־מו... פון א שטאַל.
איילט א איד מיט טלית־תפילין.

ז.

פארנאכט אין שטעטל

איילן זיך שאָטנס נאָך שטראַלן, שפּרייטן זיך לאַנגע און קילע.
דראַפּען צוערשט זיך פּאַמעלאַך, ווערן אַלץ לייִנגער און לייִנגער.
שוין איז פון זון־קויל געבליבן א הינטערן וואַלד נאָר א לאַווע.
הערט זיך א ווייטער געזאַנג: ערגעץ פּויערים קומען פון פעלד אָן.
לויפן שוין ציגן און שעפּסלאַך, פון בהמות א שטויב ביזן הימל.
קומען אָן אינגלאַך פון חדר און מעקען נאָך ציגן און בהמות.
כאַפּט זיך א קונדס א ציגעלע, זעצט זיך אויף דעם און צע „וויאַט" זיך..
לויפן פאַרדאַגהטע קרעמער אהיים נאָך א טאָג נאָך א שלעכטן.
איילן פאַרשוויצטע געזעלן אהיים נאָכן טאָג נאָכן לאַנגען.
צינדן זיך שטערן אין הימל, צינדן אין שול זיך די לאָמפּן.
דאַוונט מען מעריב און „ברכו" צעטראָגט זיך אריבערן געסל.
הערן אויף קינדער צו שטיפן, הערן אויף ווייבער צו פּלאַפּלען,
ענטפערן שטיל מיטן קהל „אמן" און „ברכו" מיט פרומקייט.

ז.

ביים ברעג פון דניעפּער

פון פארליבטע קושן אין די נאכטן
האָט צעפּורפּלט זיך דער קוסט פון בעז.
שטייען ליפּעס אין סאלידן טראכטן,
און בעריאָזקעלאך פּאריאושט ווארטן אויף א נס.

ליגן אויפן בערגל אויסגעלייגט אלייען,
שמייכלען בלומען ארום זיי מיט אומשולדיקער פרייד ;
מילדע ווינטלאך פונם דניעפּער ווייען
און צעטראָגן קילע פייכטקייט איבער בלומען־בייט.

דער פארנאכט צעלייגט זיך שטיל אויף די בולווארן.
גייט אוים זומערדיקער טאָג אין פייגלשן־געזאנג.
פרייט זיך דניעפּ, נאָך לאנגן טאָג פון גארן
הערן ליבן ליבע־פליסטער און גיטארן־קלאנג.

ח.

אָב־נעכט

לאָזן זיך טענער פאַנאַנדער, שפּרייטן אויס נאָטן אין הימל :
בלישטשען די שטערנדלאַך שענער, פינקלען מיט ציטער פון גלוסטן...
נעמען זיי פאַלן אַרונטער געטריבן פון אָביקער תאווה.
לויפן ווייט, ווייט צו געפינען אַ קילונג צום ברענענדן האַרצן,
יאָגן זיך ווייט צו געפינען אַ מקלט פון גליענדן עטער.
ברענט זיך דער נאַכטיקער חלל מיט תאווה פון שטערן פאַנאַנדער,
לאָזט זיך די וועלט אין אַ טאַנץ פון הפקרות אין אָביקע נאַכטן,
שכורט און שכורט און שטילט ניט איר האַרץ־סנה, וואָס ציטערט אין פלאַמען.

טראָגט זיך אַריבער דער ערד דער דזאָן אַ טונקל־דורכזיכטיקער צער,
קומען פון עקן פון ווייטע זודיקע כוואַליעס געלעכטער . . .
אַ פּריער געזאַנגען, געדראַנגען און נאָכדעם אַ תאווהדיק קרעכצן :
קרעכצט די נשמה פון אָב־נעכט, וואָס האָט אין פאַרטאָגן איר תיקון געפונען.

ט.

קאזאזאיעווקער וואלד

וואָס ביסטו פאר מיר, קאזאזאיעווקער וואלד,
מיט די סאָסנעס, די דובן, די יעלן ?
עס האָט דאָרט קיין קויל פון מיין ביקס ניט געקנאלט
ניט צעלאָזט זיך מיין פייפל אין טרעלן.

אז פארסודעט געוועז זיינען וועגן צו דיר
און געפירט אויף פארזאמלונגען שטילע,
וואו פלאמיקע בליץ־רייד פון יוגנט גערירט
האָבן דופטיקע שאטנדלאך קילע.

וואָס ביסטו פאר מיר, קאזאזאיעווקער וואלד,
מיט די סאָסנעס, די דובן, די יעלן ?
ניט מיין האָק האָט עכאָס־פארוויסטונג געשאלט
נ׳דיינע ווינטערדיק־ווייסע געמעלן.

אז סך הכל האָט צווישן דיביימער געטרעלט,
נאָר קושן פון יונגינקער ליבער.
איז טראָג איך דיין ריח מיט זיך אין דער וועלט
און לעב דיך נאָך איבער און איבער.

י.

איצט

פייער־פיילן האָט דער שטורים איבער דיר צעגאָסן
מיט א ווי־לדן וואוט פאר יאָרן נאָכאנאנד. עס האָט
דאָרף געשארפט אויף דיר זיין טעמפּע האק און קאָסע
און מאשין־געווער געבראכט האָט אויף דיר שטאָט.

אין דער וועג צום וואלד געוואָרן א באקאנטער:
דאָרט אין טיפע שאטנס איז דאָ א באהאלט.
איז פארלאָזט געוואָרן קראָם און הויז און אלעס מיט אנאנדער,
האָט מען זיך געלאָזט אויף אומבאקאנטע וועגן איבער גוואלט.

פרעמדע ערד געוואָרן אייגן איז אין בלוטן,
אויגן הונגעריקע האָבן בלינד געפירט אין פעלד.
אין מיט שטורים־צייט פארברענט געוואָרן די בארוטע
און פארשלאָפענע אידיליע פון דער שטעטל־וועלט.

איצט צעשטראָמסטו זיך אין ברייטע וועלטן:
העלפט דעם דאָרף און העלפט דער היה־שטאָט,
איצט פארפלעקלסטו אין טיפער ערד געצעלטן
און נייסט אוים אין וואָלקן־דרויך פון א זאוואָד.

אינהאַלט

1 לייכטע טריט — 5

2 אייאַווא — 7

א) אייאַווא מאָטיוון — 9

ב) עס האָט זיך פאַרלאָפן א מעשה — 19

ג) צווישן קאָרן פעלדער — 23

ד) בא דער טיר — 27

ה) אין פּריירי — 31

3 געווירבל — 43

4 די זייער אין טרערן — 61

5 אשרה־לידער — 69

6 שטאָט און טאָל — 89

פּיילן רויך

אין אוונט

וויטרינעס גלאַנץ

דער טאָל

אויף די ראָגן

דער גלאַנץ

דער בולוואַר

שאָטנס פון טאָל

א געלעבטער

טאָל און שטאָט

אויפן געלעגער

מיר

אין גלוסטן פון פייערן

7 פון אמאָל און פון איצט — 105

אדם און חוה

זינד

אויפן באַרג נבו

נביאים

דער בריונים קאַמף

8 פּאַלעסיע — 117

מיין שטעטל

פרימאָרגן אין שטעטל

פאַרנאַכט אין שטעטל

באַם ברעג פון דניעפּער

אָב־נעכט

קאַזאַזאיעווקער וואַלד

איצט

קילע געצייכנט פון מ. אייזנבערג